STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01412

VEGN A YIDISHN AKADEMISHN INSTITUT

Nahum Stiff

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. Jacob B. Ward
in memory of Hilda Ward,
a most loving wife and mother

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אָרגאַניזאַציע פון
דער יידישער וויסנשאַפט

נ. שטיף. וועגן אַ יידישן אַקאַדעמישן אינ־
סטיטוט. / ווילנער טעזיסן וועגן
יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי־
טוט. / רעזאָלוציע פון צווייטן
שולצוזאַמענפאָר.

אַרויסגעגעבן פון צב״ק און וויל״ביג

ווילנע, 1925

ORGANIZACJA NAUKI ŻYDOWSKIEJ.

Drukarnia B. Cijonsona i S-ka, Wilno, Trocka 13.
דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, טראָקער גאַס 13.

נ. שטיף.

וועגן אַ יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט.

1

פאַר יעדער פאָלק קומט אויף אַ געוויסער מדרגה פון זיין קולטור=אַנטוויקלונג די צייט צו מוזן און צו וועלן זיך דירעקט באַטייליקן אין דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון דער גאָרער אינטעלעקטועלער וועלט, ניט בלויז צו געניסן פון אַזאַ אַרבעט. אַזאַ מין באַטייליקונג הייסט: שאַפן אינסטיטוציעס, וואו וויסנשאַפטלעך פעאיקע און רייפע מענטשן זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אויף דער שפּראַך פון דעם פאָלק און מיט דעם פאָלקס מיטלען צו טאָן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און זאָרגן פאַר תּלמידים=יורשים. דאָס איז ניט בלויז אַ געבאָט פון אינטעלעקטועלער פּראָדוקטיוויטעט, וואָס אין איר שפּילט איצט דאָס פּאָזיטיווע וויסן אַזאַ גרויסע ראָלע (און וואָס איז אַזוי מאָראַליש און געזעלשאַפטלעך געבאָטן ווי די מאַטעריעלע פּראָדוקטיוויטעט פון אַ פאָלק), דאָס איז ניט בלויז אַ קולטור=אַמביציע פון אַ פאָלק (פאַר זיך זייער אַ באַרעכטיקטע),—דאָס איז עפּעס מער: זינט פעלקער האָבן דערקענט דעם ווערט פון וויסן פאַר זייער מאַטעריעלן און גייסטיקן קיום, איז אַזאַ מין אייגענע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט געוואָרן אַ לעבנספראַגע פאַר דעם פאָלקס וואויל און וואוקס. די פּראַקטיק האָט געוויזן, אַז אָן אַזאַ אייגענער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויף דער פאָלקסשפּראַך לאָזן זיך ניט געניסן און פּראַקטיש פאַרווענדן פאַרן פאָלק די וויסנס=אוצרות פון דער מענטשהייט, וואָס אַנדערע האָבן אויפגעטאָן: די דאָזיקע אוצרות לאָזן זיך ניט פּשוט איבערטראָגן אַלס אַ פאַרטיקע פּרוכט, זיי מוזן איבערגעפלאַנצט ווערן אין אייגענעם באָדן, דאָ באַאַרבעט און קולטיווירט ווערן, כדי דאָס פאָלק, ניט בלויז יחידים, זאָל קאָנען געניסן פון זיי. מיר האָבן דאָס קלאָר צוגעזען אין יידישן לעבן. יידן אינטעלעקטועלן מיט גרויסע וויסנשאַפטלעכע פעאיקייטן און קענטעניש, פעלן אונז שוין ניט אַ היפּשע צייט, אָבער דאָס פאָלק און זיין קולטור זיינען דערפון ווייניק געהאָלפן געוואָרן.

ווי ווייט דאָס וויסן ביי דער וועלט און ביי יידן יחידים, וואָס האָבן זיך וויסנשאַפטלעך דערצויגן אויף פרעמדע מקורים, פרעמדע שפּראַכן, האָט כמעט קיין שום פעולה נישט געהאַט אויף צו הייבן יידיש וויסן און יידישע

פאָלקס=קולטור,—דאָס איז צום בעסטן אַרויסצוזען פון אַזוינע וויסנצווייגן, וואָס דער שטאָף זייערער ליגט צוממייסטן אין אונזער גבול: יידישע און העבראַאישע פילאָלאָגיע, יידישע געשיכטע. ס'איז דער טרויעריקסטער פאַקט, אַז בעת נאָך מיט 400 יאָר צוריק בערך זייגען קריסטן העבראַאיש=קענער געווען געציילטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי יידן, איז אין 19טן יאָרהונדערט ביבל=קריטיק, די עלטסטע יידישע געשיכטע, העבראַאישע פילאָלאָגיע געוואָרן כמעט אַ מאָנאָפּאָל פון דער קריסטלעכער געלערנטער וועלט, און יידן זייגען אין בעסטן פאַל געווען גוטע תלמידים, וואָס האָבן זיך דאָ געלערנט מעטאָדע. נאָך ערגער איז אָבער, וואָס ניט דאָס דאָזיקע וויסן בכלל, ניט די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אַ שטייגער פון דייטש=יידישע געלערנטע האָבן כמעט ניט דערלאַנגט צו דער מאַסע יידישער פאָלקס=אינטעליגענץ אין מזרח=אייראָפּע. ערשט גאָר די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן עפּעס צו געניסן דערפון דורך העבראַאישע איבערזעצונגען אָדער פּאָפּולאַריזאַציעס. צו ברייטערע פאָלקס=קרייזן איז דאָס ניט געקומען עד היום. וואו עקסיסטירט נאָך אַזאַ אומוויסן וועגן אייגענער געשיכטע ווי ביי אונז יידן?

400 יאָר, אַז דייטשע געלערנטע שטודירן די יידישע שפּראַך, די לעצטע 50—60 יאָר טוען אין דעם פּרט דייטש=יידישע געלערנטע אויך. ס'שטודירן מענטשן, וואָס (חוץ 2—3) איז די יידישע שפּראַך ביי זיי אַ „יידיש=דייטש", אַ טויטער ביכער=מאַטעריאַל פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, און וואָס האָבן דעם מינדסטן באַגריף ניט ניט פון דער לעבעדיקער יידישער פאָלקסשפּראַך, ניט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, אָדער ביידע זאַכן אינטערעסירן זיי ניט. די יידיש=פאָרשונג איז ביי זיי אייגנטלעך אַ היסטאָרישע דיסציפּלין, אַזוי ווי די אַזוי=גערופענע „וויסנשאַפט דעס יודענטומס" בכלל, אַזוי ווי אַ לאַטיין, און דאָס איז אויך ביי זיי אין די אויגן אַ הילפסקוועלע פאַר מיטלהויכדייטש אָדער פאַר דייטשער דיאַלעקטאָלאָגיע בכלל. די דאָזיקע אין גרונט פאַלשע מעטאָדע האָט געבראַכט ראשית דערצו, אַז די יידיש=פאָרשונג האָט זיך ביי זיי ניט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ זעלבשטענדיקער דיסציפּלין, מ'באָדט זיך אין הונדערטער פּרטים און מ'קריגט ניט אַרויסצוזען דאָס גאַנצע; און צווייטנס האָט מען ניט קיין קריטישע מאָס אפילו פאַר די אַלטע מקורים, וואָס מ'באַהאַנדלט: ניט מ'פרעגט זיך, וואָס אין „יידיש=דייטש" איז יידיש, וואָס שטימט מיט דער פאָלקסשפּראַך אין אַ געוויסער תקופה; מ'פרעגט זיך, וואָס איז דאָרטן דייטש, וואָס שטימט דאָרט מיט די געהעריקע דייטשע מקורים—און מ'האַלט די זאַך פאַר אָפּגעטאָן, ווען מ'קאָן זיך פאַררופן אויף דייטש=דיאַלעקטישע, דערהויפּט מיטל=הויכדייטשע, גראַמאַטיקעס און ווערטערביכער.

מיר, יידיש=רעדנדיקע יידן, וואָס טראָגן דעם אוצר ביי זיך אַ לעבעדיקן,—מיר האָבן אָנגעהויבן די לעצטע. ערשט דאָס יאָר 1913 מיטן „פנקס" וואָס ווייסט מען ביי אונז וועגן יידיש, וועגן דער אינעווייניקסטער געזעצמעסיקייט, וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך, וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור? וואָס איז ביי אונז געטאָן געוואָרן כדי מיט די רעזולטאַטן=

פון אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט מיטצוהעלפן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך, זי זאָל ניט זיין קיין הפקר-זאַך ביי ציייטונגס-כראָניקערס? די אַרבעט הייבן מיר קוים אָן.—וואָס איז שוין צו ריידן וועגן דעם וויסן וואָס שטרעבט צו באַוועלטיקן די נאַטור, ספּעציעל פון טעכנישן וויסן, דעם יסוד פאַר אַ ראַציאָנעלער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט ביי אַ פאָלק! פון דעם זיינען מיר נאָך ווייטער איידער פון די אייגנטלעכע „גייסטיקע", הומאַניטאַרע דיסציפּלינעס, וואָס ווי ניט ווי בינדן זיי זיך מיט דער טראַדיציע פון אַן אַלטער גייסטיקער קולטור ביי יידן.

קורץ, מיר האָבן גענוג געליטן דערפון, וואָס בעת דאָס פאָלק האָט אַ סך קרבנות געטראָגן אויף אויסצובילדן יידן אינטעליגעטן און וויסנשאַפטלער (וויפיל קאָסט אונז דאָס שטיצן סתם סטודענטן, אַ שטייגער!), האָבן מיר גאָרניט געטאָן קאָלעקטיוו צו פאַרפלאַנצן און אָרגאַניזירן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף יידיש. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס מיר האָבן ניט געקאָנט געניסן אפילו פון דער וועלטס וויסן אויך; דאָס איז אויך איינע פון די סיבות, פאַרוואָס אַן אַלט קולטור-פאָלק איז אין די באַדינגען פון דעם נייעם לעבן מיטאַמאָל אַזוי הינטערשטעליק געוואָרן, פאַרוואָס דער דילעטאַנט, דער האַלבלערנער שפּאַרט ביי אונז אָן אין אַלע ווינקעלעך, ניט געקוקט אויף דער מענגע יידן אינטעלעקטועלן.

2

מ'דאַרף אָבער זאָגן, אַז ווען מיר רעדן איצט וועגן אָרגאַניזירן אַזאַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, שאַפן אַ אַקאַדעמישע אינסטיטוציע, איז גייען מיר דערביי אַרויס ניט בלויז פון טעאָרעטישע פּרינציפּן און פון קולטור-אַמביציע. אַ סך וויכטיקער איז, וואָס מיר קאָנען אָנווייזן עפּעס פּאָזיטיווס, וואָס מאַכט אַזאַ זאַך פאַר מיגלעך און דערפאַר פּראַקטיש-נייטיק אויך. מיר האָבן דאָ אין אויג דאָס נייע יידישע שולוועזן און די התחלה אויף אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס מיר זעען זי שוין איצט.

דאָס נייע יידישע שולוועזן איז אונז געקומען די לעצטע 10 יאָר אויפן בראָך פון צאַרישן רעזשים. אין די מדינות ליטע און לעטלאַנד מיט קליינע יידישע קבוצים (און אויך אין סאָוועט-רוסלאַנד) איז דאָס יידישע שולוועזן גלייכגעשטעלט מיט דעם שולוועזן פון אַנדערע פעלקער. אין רומעניע און אין פוילן, שליסט מען אויס די יידישע שולן פון יעדער שטיצע פון דער מלוכה-קאַסע, ממילא רייסט מען אונטער דעם מאַטעריעלן קיום פון די שולן. און דאָך האָט דאָס יידישע שולוועזן אין פוילן דערלאַנגט אַ היפשן פאַרנעם. ביי היינטיקן טאָג, ביי אַלע רדיפות און ביי דער שרעקלעכסטער אָרימקייט, דער-

ציען יידישע קינדערהיימען, שולן, אָוונטקורסן וכדומה ווייט איבער 20 טויזנט
קינדער און האַלבדערוואַקסענע. ערשט ניט לאַנג האָט דער צענטראַלער
בילדונגס=קאָמיטעט אין ווילנע (אַ גליד פון דער צענטראַלער יידישער שול=
אָרגאַניזאַציע אין פוילן) פאַרעפנטלעכט אַ בוך וועגן זיין אַרבעט אין ווילנע
די לעצטע 5 יאָר, אונז געעפנט אַ ווינקעלע פון דער גרויסער יידישער דער=
ציאונגס=אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין פוילן[1]. דאָס בוך גופא איז אַ סימן
פון אַ שטאַרק אויסגעוואַקסענעם קולטור=ווילן. אָבער דאָס וואָס איז דאָרט דער=
ציילט און דאָקומענטאַריש געוויזן, איז מסוגל צו איבערראַשן, סיי לויט דעם
אינהאַלט, סיי לויט דעם פאַרנעם פון דער אַרבעט: אין איין ווילנע 8 יידישע
פאָלקסשולן, צווישן זיי 6= און 8=קלאַסיגע, 3 יידישע גימנאַזיעס, אַ קינדער=
אוידיטאָריע, קינדער=קלובן, אַ מאָנטעסאָרי=קלאַס, אָוונט=קורסן, אַ לערער=
סעמינאַר, אַן עלטערן=אוידיטאָריע (אויפצוקלערן די עלטערן פאַר דער נייער
שול) אאַז״וו. אַ מחנה דריי און אַ האַלב טויזנט קינדער, וואָס קריגן דאָ זייער
מענטשלעכע דערציאונג! אָבער דער אויפטו איז ניט בלויז דאָס, וואָס ס׳איז שולן
אויף יידיש, אויף דעם קינדס מוטערשפּראַך (דאָס איז פאַר זיך אויך פעדאַגאָגיש
געזונט!). ניט ווייניקער האָט דאָ צו זאָגן, וואָס ס׳איז נייע שולן, וואָס
יידישע קינדער האָבן אַזוינע ניט געהאַט. די איניציאַטיוו געהערט דאָ נייע
גרופּעס אין פאָלק, יידישע אַרבעטסמענטשן און דער פאָלקסאינטעליגענץ,
וואָס זיינען אַ סך פריער פאַר אַנדערע קלאַסן אין פאָלק רייף געוואָרן פאַר
אַן אייגן מאָדערן שולוועזן און שטעלן דעם דאָזיקן שולוועזן גאָר אַנדערע
פאָדערונגען, איידער די אָרטאָדאָקסיש = באַלעבאַטישע אָדער פאַרמעגלעך
אַסימילירטע טיילן פון פאָלק. דאָ שטעלט מען זיך נייע צוועקן און מ׳גייט
צו זיי מיט נייע וועגן. מ׳האָט גרינטלעך אויפגערוימט מיט דער אַלטער שטאָט=
שול, וואו מ׳האָט געפיטערט די קינדער ענטפער מיט ביכער=וויסנשאַפט, אָדער
מיט יידישקייט, אָדער מיטביידע זאַכן. מ׳האָט באַשאַפן דערציאונגס=
אַנשטאַלטן צו דערציען פאָלקס=קינדער צו זעלבשטענדיק דענקען און
פילן, צו אַרבעטן מיט די חושים און מיט די הענט, צום פאַרשטאַנד פון
קאָלעקטיווע אינטערעסן, פאַר אַן אייגן אַרבעט=לעבן שפּעטער, פאַר אַ ברידער=
לעכן צוזאַמענלעבן מיט שכנים=פעלקער, קורץ — אַ שול מיט אַ סאָציאַלן פּאַטאָס
צו דערציען קולטורעלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטסמענטשן. דאָס וואָס דאָ איז
דערלאַנגט אין פעדאַגאָגישע מעטאָדעס, ספּעציעל אין דער אַרבעטס=מעטאָדע,
ווייזט, אַז אין דער יידישער שול קומט פאָר אַן אינטענסיווע אַרבעט צו זוכן
און אויספּרוּוון נייע וועגן, קורץ, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט בלויז מיט
אַ ערשטקלאַסיקן קולטור = פאַקטאָר אין יידישן לעבן; מיר זעען דאָ פאַר זיך
אַ גרויסע עקספּערימענטאַלע סטאַנציע, וואָס זאָל דינען דעם פעדאַ=

[1]) „שול=פּנקס", פינף יאָר אַרבעט פון צענטראַלן בילדונגס=קאָמיטעט, 1919—1924
ווילנע, 1924. אַרויסגעגעבן פון צ. ב. ק. 387 ז' 8⁰

גאָגישן געדאַנק בכלל. נישט אומזיסט האָבן די דאָזיקע יידישע שולן אַ גוטן נאָמען אַשטייגער ביי דעם דייטשישן „בונד פון אַנטשידענע שול־רעפאָרמער“.

ניט אומעטום האָט אפשר די דאָזיקע קולטור־ און פעדאַגאָגישע אַרבעט דערלאַנגט אַזאַ פאַרנעם, וואָס אין דעם אַלטן יידישן קולטור־צענטער ווילנע, אָבער אומעטום גייט זי אויף דעם זעלבן וועג. אין ליטע און לעטלאַנד אויך. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַ שטייגער, איין אויפטו, וואָס איז אונז באַקאַנט: די „קולטור־ליגע“ אין ליטע האָט דעם ווינטער 1920 — 1921 דורכגעפירט אין אירע פאָלקסשולן אַן אויספאָרשונג, לויט אַן אויסגעאַרבעטער פראָגראַם, וועגן דעם קרייז פאָרשטעלונגען, וואָס דאָס קינד האָט אין ערשטן שול־יאָר: 1) פאַמיליע, היים, סביבה; 2) פאָרמען, אייגנשאַפטן; 3) פאַרבן; 4) שטאָט און דאָרף; 5) נאַטור; 6) אַבסטראַקטע פאָרשטעלונגען; 7) מעשהלעך, לידער [1].

יידישע שולן (נאָכמיטאָג־שולן) זיינען די לעצטע 10—15 יאָר געוואָרן אין אַמעריקע, אין אַרגענטינע, אין קאַנאַדע. צענדליקער טויזנטער פאָלקסקינדער און דערוואַקסענע (אין די פאָלקס־אוניווערסיטעטן) זיינען אַריינגעצויגן אין אַ יידישער שול־ און בילדונגס־נעץ. ס׳אַנטוויקלען זיך העכערע פאָרמען פונעם יידישן שולוועזן: מיטלשולן, מיטל־טעכנישע שולן (אין ווילנע פון „אָרט“), אינסטיטוציעס פאַר לערער־אויסבילדונג (אין פוילן, ליטע, אַמעריקע), ס׳איז פאַראַן אַפילו אַ פרואוו פון יידישע הויכקורסן (אין קאָוונע).

די דאָזיקע שול־אַרבעט, וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט אַ סטיכישן אימפעט ביי אַן אומאָרגאַניזירט פאָלק, בלויז פון דעם קולטור־דאָרשט ביי יידישע אַרבעטער און ביי דער יידישער מאַסע בכלל, און מיט דעם ערלעכן ווילן פון דער יידישער פאָלקסאינטעליגענץ, — באַווייזט, וואָס פאַר אַ באַהאַלטענע קולטור־ענערגיע ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אין פאָלק און וואָס פאַר אַ קולטור־כוח ס׳שטעקט אין דער יידישער שפראַך צו אַנטפלעקן און פאַרווענדן די דאָזיקע קולטור־ענערגיע (אַזוי ווי אין יעדער פאָלקשפראַך ביי יעדער פאָלק). אָבער די דאָזיקע שול און בילדונגס־אַרבעט עפנט אונז אַ וועג צו דעם געביט, וואָס אינטערעסירט אונז איצט, צו אַ *וויסנשאַפטלעכער קולטור*. די דאָזיקע שול פאָפולאַריזירט שוין וויסן, די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג. אין אַ קורצער צייט האָט די דאָזיקע שול אַרויסגעבראַכט די בייטיקסטע לערן־ און דערציאונגס־ביכער אין אַלע פאַכן (שפראַך, ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסן, געשיכטע וכדומה). די שול דערציט מענטשן, וואָס האָבן שוין אינטערעס און זיינען פעאיק צו באַנעמען אַ וויסנשאַפטלעך בוך אויף יידיש. דאָ האָט זי שוין אָבער אויפגעטאָן אַ נייס אויך: זי מיט זיך אויסצואַרבעטן

[1] גענויער וועגן דער דאָזיקער פראָגראַם זע: „פעדאַגאָגיש בלעטל“ פון „קולטור־ליגע“ אין ליטע, נומ׳ 1—2, יאַנואַר—פעברואַר 1922, שאַוול; 42 ז׳ 8°.

אַ ווייסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע אויף יידיש, אַ זאַך, וואָס איז וויכטיק פאַר זיך (אַריינפירן יידיש אין גבול פון ווייסנשאַפטלעך באַשרייבן און פאָרמולירן) און וועט האָבן אַ סך צו זאָגן פאַר אָריגינעלע ווייסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויף יידיש. וויפיל קומט אויס צו הערן פון יידן־ווייסנשאַפטלער קלאָג־רייד, אַז ביי זייער בעסטן ווילן קאָנען זיי ניט שרייבן אויף יידיש, ווייל די שפּראַך איז ניט „פּעאיק" אויסצודריקן קיין ווייסנשאַפטלעכן געדאַנק און ס׳פעלט די טערמינאָלאָגיע!

אָבער חוץ דעם הייבט שוין די שול אָן דירעקט צו באַטייליקן זיך אין דער ווייסנשאַפטלעכער אַרבעט, ספּעציעל אין איר גבול, פּעדאַגאָגיק, מיט די גרענעץ־דיסציפּלינעס (פּסיכאָלאָגיע וכדומה). אַזאַ זשורנאַל ווי „די נייע שול" (איצט אין וואַרשע), וואָס פירט זיך שוין עטלעכע יאָר, יידיש־פּעדאַגאָגישע אויסגאַבעס אין רוסלאַנד, אין ליטע,—דאָס איז שוין אַ התחלה אויף פּעדאַגאָגיש דענקען און אויפטאָן אויף יידיש, סיי ווען ס׳ווערט פאָרמולירט די פּראַקטיק פון דער יידישער שול, סיי ממילא ווען ס׳ווערן באַהאַנדלט טעאָרעטיש־פּעדאַגאָגישע פּראַגעס. אָבער דאָ גייען מיר שוין איבער צום צווייטן טייל, צו דער ווייסנשאַפטלעכער אַרבעט אויף יידיש בכלל.

3

די ווייסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף יידיש איז אונז אויך געקומען דערהויפּט די לעצטע 10—15 יאָר, און זייער שווער איז דאָס אונז אָנגעקומען. דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט, וואָס מיר האָבן אינסטינקטיוו געפילט, האָבן מיר ניט געהאַט וואו צו לערנען. אין דער יידישער סביבה האָבן מיר כמעט קיין פאָרגייער ניט געהאַט. די גרויסע חכמת־היהדות, וואָס מערב־אייראָפּעאישע, דערהויפּט דייטש־יידישע, געלערנטע האָבן באַשאַפן, האָט אונז ניט געקאָנט דינען ניט פאַר קיין מוסטער, ניט פאַר קיין אויסגאַנגס־פּונקט. „חכמת־היהדות"—דאָס איז דערהויפּט אַ היסטאָרישע דיסציפּלין, אָדער אַ קאָמפּלעקס היסטאָרישע דיסציפּלינעס, איינגעשטעלט אויף דעם גרונט־געדאַנק, אַז דאָס יידנטום איז אַן אָביעקט פאַר פאָרשונג, אַלס אַ היסטאָרישער פאָלקסאינדיוויד, וואָס שליסט אָפּ זיין קיום בערך מיט דער עמאַנסיפּאַציע פון יידן, און איז שוין מער ניט קיין שאַפנדיקער סוביעקט. מיר אָבער האָבן געהאַט פאַר זיך אַ לעבעדיק יידנטום אין די מזרח־לענדער, וואָס הערט ניט אויף צו שאַפן אין מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור און שטרעבט זיך אַרויפצואַרבעטן אויף העכערע מענטשלעכע לעבנספאָרמעס, זיך אויסצולעבן ווי ווייט מעגלעך מיט אַלע סאָציאַלע, קולטורעלע און אַנדערע אינטערעסן אין דעם אייגענעם גבול. די דאָזיקע אינטערעסן פון דעם לעבעדיקן קאָלעקטיוו: דאָס נייע יידישע שולוועזן, די יידישע שפּראַך, די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון

דער גרויסער ייִדישער מאַסע, די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג, ייִדישע עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר דער ייִדישער מינדערהייט, פראַגעס פון ייִדישער פיזישער קולטור וכדומה — דאָס איז אונז אָנגעגאַנגען קודם-כּל, דאָס איז געווען ניט בלויז דער שטאָף פאַר אונזער וויסנשאַפטלעכן אינטערעס, — דאָס איז אויך געווען דער קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, דאָס האָט אונז דיקטירט די מעטאָדע אויך.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער לאַגע, וואָס ס'קומט אויס צו טאָן דעם וויסנשאַפטלער, וואָס דענקט און שרייבט אויף ייִדיש, ווען ער האָט ניט פאַר זיך קיין וויסנשאַפטלעכע טראַדיציעס אין זיין סביבה, ווען ער איז שטאָקעלנט, אָן יעדער מאַטעריעלער און מאָראַלישער שטיץ, האָט מען זיך אויף קיין גרויס ניט געקאָנט ריכטן. איז אַוודאי מערקווירדיק דאָס ביסל, וואָס ס'איז געטאָן געוואָרן און ס'ווערט געטאָן.

דער וועג פאַר דער וויסנשאַפט אויף ייִדיש איז אין דער ערשטער סטאַדיע שוין לכתחילה אָנגעוויזן אין די פראַקטישע באַדערפעניש און מעגלעכקייטן, וואָס זיינען געגעבן אין דער קולטור פון דער ייִדישער סביבה, אין דעם שטאָף און אין דעם אינטערעס פון דער סביבה.

דאָ דאַרף קודם-כּל באַמערקט ווערן די ייִדישע פילאָלאָגיע. דער דאָזיקער צווייג איז געווען דער נאַטירלעכסטער פאַר דעם ייִדישן שפּראַךפאָרשער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ ייִדישער סביבה. די אַרבעט, וואָס ס'האָבן אָפּגעטאָן אונזערע וואָרטמייסטער אין דער שיינער ליטעראַטור, אין דער ערנסטער פּובליציסטיק, האָט געהויבן דאָס אָנזען פון דער פאַרוואָרלאָזטער פאָלקסשפּראַך און אָפּגעשאַפט דעם פאַלש-אינטעליגענטישן ביטול צו דעם „זשאַרגאָן“. די ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג, די נייע פּאָליטישע סיטואַציע אין רוסלאַנד, אין די נייע פּאַרלאַמענטאַרישע מדינות (די „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע“) האָבן דערהויבן די שפּראַך צו אַ מדרגה פון אַ פּאָליטישן פאַקטאָר דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם קולטור-וואוקס פון דער ייִדישער פאָלקס-אינטעליגענץ, האָט געבראַכט דערצו, אַז מ'זאָל אָנהייבן פאָרשן די ייִדישע שפּראַך פאַר זיך, אַלס אַן אָרגאַנישע אַנטוויקלונג, ניט אַלס אַ הילפסמיטל פאַר דער גערמאַניסטיק.

דער רייכער שטאָף פון דער לעבעדיקער ייִדישער פאָלקס-שפּראַך און די נייע מעטאָדע (די אָריענטאַציע אויף דער לעבעדיגער שפּראַך אין איר אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, ניט אויף קיין אָפּגעשלאָסענער ביכער-תּקופה, וואָס לאָזט זיך אויס ביי דער שוועל פון מענדעלסאָנס תּנ״ך-איבערזעצונג) האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַזוי באַפרוכפּערנדיק, אַז פאַר 10 יאָר האָט די ייִדישע פילאָלאָגישע פאָרשונג אויף ייִדיש דעריאָגט די וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור וועגן ייִדיש אויף אַנדערע שפּראַכן פון צענדליקער יאָרן פריער; אין געוויסע וויכטיקע פּרטים האָט זי איבערגעיאָגט די דאָזיקע ליטעראַטור. שוין

אין ערשטן אַרויספּאָר, אין „פּנקס"[1], זײַנען אין חיים טשעמעריסקיס און אין װײַנגערס אַרבעטן פאָרמולירט געװאָרן די עלעמענטאַרע געזעצן פון דער יידישער פאָנעטיק, אין בעל-דמיונס (נ. שטיפס) אַ קריטישער אַרבעט זײַנען געװיזן אין אַלגעמײַנע שטריכן ד' גרונטקאָנטורן פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע פון דער אַלטער תקופה, און אין באָראָכאָװס „די ביבליאָטעק פון דעם יידישן פילאָלאָג" איז געגעבן אַ מאָנומענטאַלע ביבליאָגראַפישע אַרבעט, אַ שליסל צו דער גאָרער יידיש-פאָרשונג. אַ זאַך, װאָס האָט ניט איר גלײַכן (װעגן יידיש) אויף קיין אַנדער שפּראַך און װאָס יעדער יידיש-פאָרשער מוז דערצו אָנקומען. צו יענער צײַט געהערט אויך װײַנגערס ביכל „דער יידישער סינטאַקסיס" (װאַרשע, 1913). די מלחמה, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם, די רדיפות און דער פאַרבאָט אויפן יידישן װאָרט אין צאַרישן רוסלאַנד, האָבן היפּש פאַראַליזירט די אַרבעט, אָבער ניט אויף לאַנג; פון 1917 הייבט אָן נח פּרילוצקי אַרויסלאָזן זײַנע פילאָלאָגישע „כתבים" אונטער פאַרשיידענע נעמען[2]. דאָ איז געזאַמלט אַ גרויסער װיכטיקער מאַטעריאַל פאַר פאַרשיידענע צװײַגן פון דער יידישער גראַמאַטיק, פאַרן יידישן װאָרט-אוצר, יידישן װאָרטבאַטײַט. צום ערשטן מאָל איז דאָ אין אַ גרויסן פאַרנעם געשטעלט געװאָרן די פּראָבלעם פון יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע[3], געמאַכט אַ פּרואװ צו דיפערענצירן און דעפינירן יידישע דיאַלעקטן און אונטערדיאַלעקטן, צומטייל זייער היסטאָרישע אַנטװיקלונג, אויפן סמך פון צוהערן זיך און פאָרשן די לעבעדיקע פאָלקשפּראַך און פון אַ קריטישן צוגאַנג צו ליטעראַרישע דאָקומענטן.

[1]) „דער פּנקס", יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, רעדאַקטירט פון ש. ניגער. װילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין, װילנע 1913; 410 + 66 ז' גרויסער קװאַרט. 2טע אויסגאַבע—װילנע 1923.

[2]) לאָמיר דאָ אָנרופן די װיכטיקסטע:

נח פּרילוצקיס יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען, מאַטעריאַלן פאַר אַ װיסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימאָלאָגישן װערטערבוך, 1 באַנד: דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם (ניט פאַרענדיקט), נײַער פאַרלאַג, װאַרשע, 1917, 250 ז' 8⁰.

דער זעלבער: „דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַמערקונגען" (עטיודן װעגן יידישן װאָקאַליזם), װאַרשע, 1921, XVI+220 ז', 8⁰.

דער זעלבער: „צום יידישן װאָקאַליזם", װאַרשע, 1920, XII+164 ז', 8⁰.

דער זעלבער: „דאָס געװינט", דיאַלאָגן װעגן שפּראַך און קולטור. װאַרשע, פאַרלאַג „קולטור ליגע", 1923, 190 ז' 8⁰.

דער זעלבער: „מאַמע-לשון", װאַרשע, פאַרלאַג „קולטור-ליגע", 1923, 162 ז', 8⁰.

[3]) נאָך פריער האָט געשטעלט די פּראָבלעם פון יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע מ. װײַנגער אין „נח פּרילוצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור-געשיכטע", ב' 1, נײַער פאַרלאַג, װאַרשע 1912, 179 ז'. 8⁰.

ז. קאַלמאַנאָוויטשעס ביכל „יידישע גראַמאַטיק“ (מינסק, 1921)[1] איז שוין אַ היפּשער שפּאַן פאָראויס אין דערקענען די אייגנטימלעכקייטן פון דער יידישער פאָנעטיק און איר אָפּשטאַם פון מיטלהויכדייטשע דיאַלעקטן אַקעגן דער ענלעכער אַרבעט אין „פּנקס“. אויך זלמן רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך“[2] גיט, אַחוץ אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן אַריינפיר, אַ געגוייערן איבערבליק איבער דער יידישער קלאַנגען-סיסטעם און איבער דער געשיכטע פון יידישן אויסלייג.

אין מ. ווײַנרײַכס שטודיעס „שטאַפּלען“[3] איז געבראַכט אַ קורצער אָבער קלאָרער סך-הכל (מיט אַ פאָרזיכטיקער קריטישער אָפּשאַצונג) פון דער וויכטיקסטער ליטעראַטור וועגן יידיש ביז 1923, ס'איז געגעבן אַן אויסגעצייכנטע אָריגינעלע אַרבעט וועגן דער יידיש-פאָרשונג אין 16טן יאָרהונדערט, אַ היס-טאָריש-ליטעראַרישער און שפּראַכלעכער אַנאַליז פון דער היסטאָרישער פּאָעמע „מגילת ווינץ“ (צוזאַמען מיט דער פּאָעמע גופא), און ס'איז געמאַכט אַ פּרווו צו זאַמלען און דערקלערן דעם אידיאָטיקאָן, צומטייל די גראַמאַטישע אייגנ-טימלעכקייטן, פון קורלענדער יידיש. ווײַנרײַכס פלייס און פירונג האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען צומטייל דעם זשורנאַל „יידישע פילאָלאָגיע“[4], דעם איינציקן זשורנאַל, וואָס די יידיש-פאָרשונג פאַרמאָגט בכלל. שוין אין די פאַרעפנטלעכטע צוויי העפטן זיינען געבראַכט אַרבעטן פון אַ געוויסן וויסנ-שאַפטלעכן פאַרנעם, ווי י. ווילערס „די פאָנעטיק פון מזרח-גאַליציש יידיש“, ז. רייזענס „גראַמאַטישער מין אין יידיש“, נ. שטיפס „דיטריך פון בערן“ (וועלטלעכע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור פון 16—18 יאָרהונדערט) און אַנד', נייער מעטאָדיש-באַאַרבעטער מאַטעריאַל וועגן יידישע דיאַלעקטן, פאָלקלאָר, אאַז"וו. — זאַמלביכער מיט דעם נאָמען „יידיש“, בערך לויט דער זעלבער פּראָגראַם, ווי די „יידישע פילאָלאָגיע“, האָבן אָנגע-הויבן אַרויסצוגיין אין סאָוועט-רוסלאַנד[5]. אַ גאַנצע ריי אַרבעטן וועגן יידי-

[1]) אַ קאָנספּעקט פון אַ סעריע לעקציעס, וואָס דער אווטאָר האָט געלייענט אין מינסק אויף לערער-קורסן, דעם ווינטער 1920—1921.

[2]) זלמן רייזען. גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך. ערשטער טייל. ווילנע, 1920 162+VI זייטן, 8⁰.

[3]) ד"ר מ. ווײַנרײַך, „שטאַפּלען“. פיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַכוויסנשאַפט און ליטעראַטור-געשיכטע. פאַרלאַג „וואָסטאָק“ בערלין, 1923, 260 ז' 8⁰.

[4]) יידישע פילאָלאָגיע, צווייחודשדיקע בלעטער פאַר שפּראַכוויסנשאַפט, ליטע-ראַטור-פאָרשונג און עטנאָגראַפיע. אונטער דער רעדאַקציע פון מאַקס ווײַנרײַך, נח פּרילוצקי און זלמן רייזען. פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע, העפט 1 (יאַנואַר—פעברואַר) 1924, 100 ז' 8⁰; העפט 2—3 (מערץ—יוני) 1924, 144 ז' 8⁰.

[5]) דערווייל באַקאַנט דאָס ערשטע העפט: „יידיש“. ערשטע זאַמלונג פון דער יידישער פילאָלאָגישער קאָמיסיע ביי דעם צענטראַלן יידישן ביוראָ פון פאָלקאָמבילד [„פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקסבילדונג“]. אויסגאַבע פון דעם אוקראַאינישן הויפּטקאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעל-

שער שפראַך-און ליטעראַטור-פאָרשונג זייַנען געדרוקט אין אַלגעמיינע יידישע זשורנאַלן. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אייניקע. אין „אַ יידישער גרוס פון פאַר 400 יאָר" וועגן די געוויסע דע-ראָסיס פאַרמער יידישע מאַנוסקריפּטן מאַכט מ. ווייַנרייַך גריגדלעך אַ סוף מיט דער לעגענדע וועגן די קאָדעקסן אויף פויליש מיט יידישע אותיות (צוזאַמען מיט דער „סלאַווישער לעגענדע" בכלל) און באַשרייבט גענוי די דאָזיקע ביז-אַהער אומבאַקאַנטע יידישע מאַנוסקריפּטן[1]. אין אַן אַרטיקל „דער אָנהייב" גיט בעל-דמיון אַ באַגריף וועגן דעם אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור, ספּעציעל און אויספירלעך ווערט באַהאַנדלט דער ערשט-באַקאַנטער געדרוקטער יידישער „ספר מידות" (איזנע, 1542)[2]. אין אַ צווייטער אַרבעט באַהאַנדלט דערזעלבער מחבר די אַלטע יידישע תנ"ך-איבערזעצונגען, זייערע צוועקן און די מעטאָדעס, איבערזעצער, שפּראַך אאַז"וו[3]. ד"ר ע. אַלשוואַנגער באַהאַנדלט אין אַן אַרטיקל „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דרום-אַפריקאַנער יידיש" די אייגנטימלעכקייטן פון דער יידישער שפּראַך ביי די יידישע אימיגראַנטן אין יענעם לאַנד[4].

זאָלן נאָך דאָ דערמאָנט ווערן אייניקע קריטישע אַרבעטן: בעל-דמיון „דער פנקס", אַ גרעסער קריטישע באַטראַכטונג וועגן דעם פריער-דערמאָנטן פילאָלאָגישן זאַמלבוך „דער פנקס"[5]; דערזעלבער, „אַן אומזיסטער איבערשרעק", וועגן ב. צ. רובשטיינס פּרעטענזיע-ביכל „די אַנטשטייאונג און די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך"[6]; מ. ווייַנרייַך: „אַ ניי בוך וועגן דער געשיכטע פון יידיש" (וועגן דעם זעלבן רובשטיינס ביכל)[7]. דערזעלבער: „תנ"ך איבערזעצונגען אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור" — וועגן שטערקס און לייצמאַנס יידישער ביבל-כרעסטאָמאַטיע (אויף דייטש)[8].

נאָך וויכטיקער אָבער פאַר דעם פאַרנעם פון די אַלע דערמאָנטע אַרבעטן איז די מעטאָדע. דער צוגאַנג איז דאָ, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, די לעבעדיקע יידישע פאָלקסשפּראַך און איר היסטאָרישע אַנטוויקלונג; די דאָזיקע מעטאָדע האָט געוויזן צום ערשטן מאָל אַ נייעם קריטישן קוק אויף די ליטעראַרישע דאָקומענטן פון דער פאַרגאַנגענער תקופה; מ'האָט

טעכנישער און ספּעציעל-וויסנשאַפטלעכער בילדונג אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג. כאַרקאָוו, 1923, 48 ז' 8°.

[1]) אין זשורנאַל „צוקונפט", ניו-יאָרק, מערץ און אַפּריל 1923.

[2]) „צוקונפט", פעברואַר 1924. [3]) דאָרט, סעפּטעמבער 1924.

[4]) אין זשורנאַל „דרום-אַפריקע" אין נומ' 3 און 4, 1923.

[5]) אין דער „יידישער וועלט", ווילנע, נומ' 2 און 3, פעברואַר און מערץ, 1914.

[6]) אין דעם ביבליאָגר' זשורנאַל „ביכער-וועלט", פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע, נומ' 6, נאָוועמבער — דעצעמבער 1922, און אין „דאָס נייע לעבן", ניו-יאָרק, דעצעמבער 1922.

[7]) אין דער „ביכער-וועלט", נומ' 1—2 (יאַנואַר — אַפּריל) און 3—4 (מאַי — אויגוסט), 1923.

[8]) דאָרט, נומ' 5 (סעפּט'-אָקטאָבער), 1923.

געוויזן, ווי אויסצוטיילן דאָס, וואָס איז דאָרט יידיש און וואָס „פּאַרליטעראַרישט“, באַפּגעמאַכט דייטשע שריפטן פון זייער צייט, אָדער גאָר פאַרעלטערט.

אַ היפּשע אַרבעט איז אָפּגעטאָן ספּעציעל אין איין צווייג, אין יידישן פאָלקלאָר, דערהויפּט אין זאַמלען דעם דאָזיקן מאַטעריאַל. די זאַמלונגען גינזבורגס און מאַרעקס[1], י. כהנ'ס[2], נ. פּרילוצקיס[3], גראַובאַרדס[4] און אַנדערע האָבן אונז אַנטפּלעקט דאָס יידישע פאָלקס-ליד (אין גראַובאַרדס זאַמלונג — אפילו פון דער מלחמה-צייט די לעצטע יאָרן). ספּעציעל אין פּרילוצקיס זאַמלביכער זיינען די לידער איבערגעגעבן פאָנעטיש אַזוי ווי זיי ווערן געזונגען, און מיר קריגן דאָ אַ באַגריף פון דער פּויליש-יידישער אויסשפּראַך; אינטערעסאַנט זיינען דאָ אויך די באַמערקונגען און פּאַראַלעלן פון פאָלקס-לידער ביי אַנדערע פעלקער. אין „פּרילוצקיס זאַמלביכער“[5] איז געזאַמלט די פאָלקס-דראַמע („פּורים-שפּילן“); אַ סך נייע זאַכן און וואַריאַנטן פון באַקאַנטע זאַכן, וואָס זיינען ביז אַהער אין דער ליטעראַטור אומבאַוואוסט געווען.

אין א. בערנשטיינס[6], י. פּיראָזשניקאָווס[7], נ. פּרילוצקיס[8], ש. באַסטאָמסקיס[9], און פּ. גראַובאַרדס[10]) זאַמלונגען איז געגעבן אַ גרויסער מאַטעריאַל

[1] „יידישע פאָלקס-לידער“, געזאַמלט און אַרויסגעגעבן מיט אַן אַריינפיר (אויף רוסיש) פון ש. מ. גינזבורג און פּ. מאַרעק (יידיש און פּאַראַלעל — מיט אַ לאַטיינישער טראַנסקריפּציע), אַרויסגעגעבן פון דער רעדאַקציע „וואָסכאָד“, פּעטערבורג, 1901, 389+14 ז' 8°.

[2] „יידישע פאָלקסלידער“, געזאַמלט פון י. ל. כהן (צוזאַמען מיט נאָטן); 2 בענד, ניו-יאָרק, 1913.

[3] „יידישע פאָלקסלידער“, געזאַמלט, דערקלערט און אַרויסגעגעבן פון נח פּרילוצקי. ערשטער באַנד, פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע“, וואַרשע 1911, 159 ז' 8°. צווייטער באַנד, „נייער פאַרלאַג“, וואַרשע, 1913, 176 ז' 8°.

[4] „ביי אונז יידן“, זאַמלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע, רעדאַגירט פון מ. וואַנווילד, פאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד, וואַרשע, 923, 317 + 2 ז., גרויסער קוואַרט.

[5] נח פּרילוצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור-געשיכטע. ערשטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון נח פּרילוצקי און ש. לעהמאַן, „נייער פאַרלאַג“, וואַרשע, 1912, 179 ז' 8°.

דאָס זעלבע, צווייטער באַנד, נייער פאַרלאַג, וואַרשע 1917, 212 ז' 8°.

[6] „יידישע שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך“, געזאַמלט פון איגנאַץ בערנשטיין, קראָקע, 1903, XVI + 329 + 84 ז', גרויס 8°.

[7] „יידישע שפּריכווערטער“, געזאַמלט פון י. פּיראָזשניקאָוו, ווילנע 1908.

[8] זע באַמערקונג 5.

[9] „ביים קוואַל“, יידישע שפּריכווערטער, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, רעדנסאַרטן א"אַ געזאַמלט און דערקלערט פון ש. באַסטאָמסקי, רעדאַקטירט פון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט. — פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול“, ווילנע 1920, 122 ז' 8°.

[10] „ביי אונז יידן“, וואַרשע 1923.

פאַר יידישע שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, רעדנסאַרטן אאַז״וו ביים פאָלק בכלל, ביי פאַרשיידענע שיכטן בפרט. ספּעציעל דאַרפן דער־מאָנט ווערן יידישע רעדנסאַרטן און דער בילדער־שאַץ פון דער יידישער שפּראַך אין יהודה עלזעטס אויסגעצייכנטער אַרבעט: „דער וואונדער־אוצר פון דער יידישער שפּראַך״[1]), אַ זאַך, וואָס אַזוינס איז וועגן יידיש אויף אַנ־דערע שפּראַכן כמעט ניט געשריבן געוואָרן.

זאָל נאָך דערמאָנט ווערן י. ה. ראַווניצקיס זאַמלונג[2]).

אַן אוצר פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, געשאַפן מיט אַן עקספּעדיציע־מעטאָדע, האָט געזאַמלט דער פאַרשטאָרבענער ש. אַנ־סקי (ש. ז. ראַפּאַ־פּאָרט). דער מאַטעריאַל וואַרט נאָך, ער זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן. אויף די זאַמלונגען פון לעקסיקאַלישן שטאָף (ווערטערביכער) קאָנען מיר דאָ זיך ניט אָפּשטעלן; זאָל נאָר דערמאָנט ווערן די לאַנגיאָריקע אַרבעט פון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי און דאָס „אידישע ווערטערבוך״ פון יהואָש און ד״ר ה. ספּיוואַק.

ס׳איז צוגעקומען, געראַטעוועט געוואָרן פון פאַרגעסן און אַריין אין גייסטיקן פאַרקער אַ גרויסער מאַטעריאַל פון יידישן פאָלקלאָר און יידישער שפּראַך, אָבער וויכטיקער איז דאָ אויך די מעטאָדע. אז מ׳דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע מ׳האָט געמאַכט, און מע מאַכט נאָך איצט אויך, איבער דעם יידישן פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל אין פרעמדשפּראַכיקע זשורנאַלן, זאַמלבי־כער וכדומה, ווי אַזוי מ׳פּאַרדאַרבט גראָב די קלאַנגגעשטאַלט פון דעם יידישן וואָרט מיש אַ ווילדפרעמד אומקריטיש אויסלייגן, צומטייל אויך מיט „פאַר־דייטשן״, ד״ה פאַרדאַרבן דאָס יידישע וואָרט גופא, — איז קאָן מען ערשט רעכט אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַ מדרגה וויסנשאַפטלעכע קאָרעקטקייט ס׳שטעקט אין די יידישע זאַמלביכער, אַפילו ביי אַזוינע זאַמלער, וואָס האָבן זיך קיין וויסנשאַפטלעכע צוועקן ניט געשטעלט.

*

ניט אַזוי פיל, ווי די יידישע שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשונג, האָבן צו פאַרצייכענען אַנדערע וויסנצווייגן. אָבער זיי זיינען געגאַנגען ביי אונז אויף דעמזעלבן עמפּירישן וועג: קודם־כל ניצן, לייטערן און אַרויסברענגען דעם שטאָף, וואָס ער איז געגעבן אין דער לעבעדיקער סביבה, אין איר געזעל־שאַפטלעכן, אינטעלעקטועלן אינטערעס. די אַרבעטער־פראַגע איז שוין

[1]) „דער וואונדער־אוצר פון דער יידישער שפּראַך״, פאָלקסטימ־לעכע רעדנסאַרטן, גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטן, געזאַמלט און דערקלערט דורך יהודה עלזעט. אַרויס 4 העפטן: 1) דאָס דאַוונען, 2) מלאכות און בעלי־מלאכות, 3) יידישע מאכלים, 4) דער מענטשלעכער קערפּער. וואַרשע, 1918—1920.

[2]) „יידישע וויצן״, געזאַמלט און באַאַרבעט פון י. ה. ראַווניצקי, פאַרלאַג „מוריה״, ירושלים—בערלין—אַדעס. בערלין 1922, 264 ז., 8^0.

ביי אונז גאַנץ פרי רייף געוואָרן, און די יידישע אינטעליגענץ האָט געקראָגן דעם גרעסטן אינטערעס פאַר דער סאָציאַלער פראַגע בכלל, שפּעטער שוין פאַר דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן בפרט. דאָ האָט זיך פריער ווי אין אַנדערע צווייגן אָנגעהויבן די פּאָפּולאַריזאַציע=אַרבעט, ווייל אין דעם האָט די אַרבעטער=באַוועגונג געפילט אַ קאָנקרעטע נויט. מיט דער צייט איז מען פון פּאָפּולערע ביכלעך אַריבער צו איבערזעצן וויסנשאַפטלעכע זאַכן אויך: די ווערק לאַסאַלס, קראָפּאָטקינס, צומטייל מאַרקס', קאַוטסקיס און אַנדערע סאָציאַלע דענקער, קאָן מען איצט אַזוי גוט לייענען אויף יידיש ווי אויף יעדער אַנדער שפּראַך (אַ גרויסן פאַרדינסט האָט דאָ ד"ר א. מ ע ר י ס אָ ן). פּאַראַלעל דערמיט איז געגאַנגען די אָריגינעלע פאָרשונגס=אַרבעט אויך. ווי אָנהייבנדיק, צומטייל פעלנדיק, ס'זאָלן ניט זיין יעקב ל ע ש צ י נ ס ק י ס פּראָבע=אַרבעטן פאַר 15 יאָרן: „דער יידישער אַרבעטער אין רוסלאַנד", „דער יידישער אַרבעטער אין לאָנדאָן", זיינען זיי דאָך יענע צייט געווען אַ שטיק אַנטדעקונג וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די געדיכטע יידישע מאַסן. צום ערשטן מאָל איז דאָ ניט בלויז סכעמאַטיש געוויזן געוואָרן די אומנאָרמאַלע סאָציאַל=עקאָנאָמישע גלידערונג ביי יידן, מ'האָט אויפגעדעקט די שווערסטע וואונד: די נישטיקע באַטייליקונג פון יידן=אַרבעטער ספּעציעל אין פאַבריק=אַרבעט, אין די העכערע אינדוסטריע=צווייגן (יידן=אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט אין איבערגרעסטן טייל אין מלאכה, אין הויז=אינדוסטריע), און די סיבות דערפון. דאָ האָט מען געפרואווט צום ערשטן מאָל אָנווענדן די מאַרקסיסטישע מעטאָדע צו דער קאָנקרעטער יידישער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט און אָנמערקן אַ פּראָגנאָז פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

אַ צווייטע וויכטיקע פראַגע אין יידישן לעבן איז די גרויסע יידישע ע מ י ג ר אַ צ י ע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די 80קער יאָרן אין 19טן יאָרהונדערט, און מ'האָט די פראַגע אַ סך באַהאַנדלט, סיי אין טעאָרעטישע אַרטיקלען, סיי אין פאָרשונגס=אַרבעטן. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן ד"ר ה ע ר ש'ס (פּראָפעסאָר אין גענף) אַרבעט וועגן יידישער עמיגראַציע[1]. די דאָזיקע אַרבעט, ווי אויך י. ל ע ש צ י נ ס ק י ס נייסטע אַרבעטן: „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן[2]) און „יידישע דעמאָגראַפיע"[3]) האָבן שוין פּאָזיטיוו אַ וויסנשאַפטלעכן ווערט; דאָ איז שוין מעטאָדיש באַאַרבעט אַ היפּשער ביישטאָף. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן י. ק אָ ר אַ ל נ י ק ס אַרבעט „די יידן אין

[1]) ד"ר ל. ה ע ר ש. די יידישע עמיגראַציע, איר גרייס, אייגנאַרטיקייט, סיבות, באַדייטונג און רעגולירונג. מיט 37 סטאַטיסטישע טאַבעלן און 7 דיאַגראַמען. פאַרלאַג „די וועלט" ווילנע 1914, 230 ז' 8^0.

[2]) י ע ק ב ל ע ש צ י נ ס ק י, „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן" (די יידן אין דער גאַנצער וועלט), „כלל=פאַרלאַג", בערלין, 1922, 203 ז' 8^0, מיט אַ ביי געלייגטער טאַבעלע.

[3]) ד ע ר ז ע ל ב ע ר, פּראָבלעם פון דער נאַטירלעכער באַוועגונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג, בערלין, 1924.

אוקראַאינע" (בערלין, 1924) לויט די מאַטעריאַלן פון דער פאָלקסציילונג דעם 28טן אויגוסט 1920. אַזאַ גרויסע מאַטעריאַלן־זאַמלונג, ווי דעם „דזשאָינטס" אַנקעטע „יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פוילן"[1]) איז דאָס איינ־ציקע, וואָס אין דעם פרט איז בכלל אויפגעטאָן געוואָרן ביי יידן די לעצטע צייט. סיי לויט דער מעטאָדע, סיי לויט דער אויספירונג האָט די דאָזיקע אַנקעטע, אין אַ קלענערן גבול (ספּעציעל פוילן), איבערגעיאָגט די גרויסע יק"א־אַנקעטע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס יאָר 1914 (אויף רוסיש).

באַזונדער דאַרפן דערמאָנט ווערן די ליידער אין איירעפּע זייער ווייניק באַקאַנטע עקאָנאָמישע אַרבעטן פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם פּראָפ' יצחק איידיק הורוויטש.

פון סטאַטיסטישע און עקאָנאָמישע אַרבעטן זאָל נאָך דאָ דערמאָנט ווערן: בער באָראָכאָוו „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן" (בערלין, 1923); אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק[2]); ב. צ. רובשטיינס „גאַליציע און איר באַפעלקערונג"[3]); ד"ר מ.ווישניצער, „יידישע בעל־מלאכה־צעכן אין פוילן און אין ליטע"[4]).

דער יונגער צווייג פון יידישער וויסנשאַפט האָט שוין אַרויסגעבראַכט די „בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק"[5]), דעם איינציקן זשורנאַל אויף דעם געביט. און דאָ זעען מיר אויך צו דאָס זעלבע, וואָס פריער: לעבן אַרבעטן, וואָס זייער שטאָף איז גענומען פון דער לעצעדיקער פאָלקסווירקלעכקייט (אַ שטייגער, יידן אין דער לעצטער ציילונג אין רוסלאַנד, 1920), געפינען מיר אויך מאַטעריאַל וועגן פאַרגאַנגענע תקופות. אַ שטייגער, י. לעשצינסקיס „די יידישע קהלות אין פוילן (אוקראַאינע) ערב דער צעטיילונג פון דער פוילישער מלוכה", לויט דער ציילונג פון 1764—1765[6]); דעמזעלבנס, אַ פאַראַלעל צווישן דער צאָל און די באַשעפטיקונגען פון יידן אין באַרדיטשעוו די יאָרן 1789, 1849, 1897[7]); און דער יונגער

1) אַרויס 2 בענד ־אין 4 טיילן, וואַרשע 1922—1924.

2) „סטאַטיסטיק פון דער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק" פאַר 10 יאָר (1909—1918). געזאַמלט ה. פראַנק און ח. בלאַנקשטיין. אויסגאַבע פון ביאַליסטאָקער קהילה־פאַרוואַלטונג, ביאַליסטאָק, 1920.

3) בן־ציון רובשטיין, „גאַליציע און איר באַפעלקערונג". (יידן, פּאָליאַקן, רוסינער אונטער דער הערשאַפט פון די האַבסבורגער). וואַרשע 1923, 162 ז' 8°.

4) „כלל־פאַרלאַג", בערלין, 1923.

5) אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפ' ב. ברוצקוס, יעקב לעשצינסקי און ד"ר יעקב סעגאַל. בערלין, נומ' 1, 2, 3, אַרויס אין 1923, נומ' 4 אין 1924.

6) „בלעטער" אאַז"וו, נומ' 1

7) דאָרט, נומ' 2.

פאָרשער א. מענעס עפנט אונז אַ קאַפּיטל סאָציאַל=עקאָנאָמישע געשיכטע ביי יידן אין דער ביבלישער תקופה[1]. דעם דאָזיקן זשורנאַל געהערט איצט דיזעלבע פירנדיקע ראָלע אין זיין געביט, אַז ווי דער „יידישע פילאָלאָגיע" אין איר געביט.

*

אויף דעמזעלבן וועג גייט אויך די היסטאָרישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף יידיש: מ'האָט דאָ אויך אָנגעהויבן פון דעם גאָענטן, קאָנקרעטן, און מ'האָט זיך גערעכנט מיט די פּראַקטישע נויטן פון דער יידישער קולטור=סביבה. פאַר די באַדערפעניש פון דעם יידישן שולוועזן, צומטייל פאַר זעלבסטבילדונג, האָט מען איבערגעזעצט אַזוינע לערנביכער, ווי פּראָפ׳ וויפערס ביכער פון אַלטערטום, מיטלעלטער, פון דער נייער צייט וכדומה; ע. שירערס „די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון בית שני"; דובנאָווס „יידישע געשיכטע"; י. פלאַוויוס, „די יידישע מלחמות". שפּעטער איז מען געקומען צו אַזוינע זאַכן, ווי ד"ר גידעמאַנס „יידישע קולטור=געשיכטע אין מיטלעלטער"[2]; פּראָפעס׳ רודאָלף קיטעלס „תנ"ך=וויסנשאַפט"; פּראָפעס׳ ניקאָלסקיס „די געשיכטע פונעם אַלטן פאָלק ישראל"[3]) וכדומה. אָבער דאָ איז שוין אויפגעטאָן אייגנס אויך. ספּעציעל זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דינאַבורגס אויסגעצייכנטע „היסטאָרישע כרעסטאָמאַטיע" (דערווייל פון דער ביבלישער תקופה), וואָס פאַראייניקט אין זיך די לעצטע רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג מיט דער נייער פּעדאַגאָגישער מעטאָדע (קוועלן=שטודיום) אין געשיכטע=לימוד[4]. צו דערזעלבער תקופה געהערן אויך: ש. אייזנשטאַטס מאָנאָגראַפיע „די נביאים"[5]) און דאָס בוך פון חיים שויס „די ביבלישע געזאַנגען פון חומש און נביאים ראשונים" (ניו=יאָרק).

אין די ערגסטע יאָרן (1919—1921) פון מאַסנשחיטות אויף יידן אין

[1]) דאָרט, נומ׳ 2, 3, 4. דערזעלבער אַוטאָר האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרבעט אויף דעמזעלבן געביט אין ניו=יאָרקער זשורנאַל „צוקונפט", 1924.

[2]) דער דריטער באַנד פון ד"ר גידעמאַנס Geschichte des Erziehungswesens etc.; כלל=פאַרלאַג, בערלין, 1922.

זאָל דאָ אַגב געזאָגט ווערן, אַז די דערמאָנטע איבערזעצונגען זיינען געמאַכט פון מ. וויינרייך, ז. קאַלמאַנאָוויטש, נ. שטיף, ש. ראָזענפעלד.

[3]) יידיש: ז. ראָזענטאַל. אַרויס אין מאָסקווע דאָס יאָר 1920.

[4]) אַרויס אין קיעוו אין „פאָלקס=פאַרלאַג", 1919.

[5]) ד"ר ש. אייזנשטאַט, די נביאים, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידעען, ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין, ווילנע, 1924.

אוקראַאינע האָט זיך צווישן טוער פון יידישער וויסנשאַפט און יידישע שריי=
בער געפונען אַ גרופּע, וואָס האָט גענומען, פון היסטאָרישע צוועקן וועגן,
סיסטעמאַטיש זאַמלען, פאָרשן און פאַרעפנטלעכן דעם מאַטעריאַל וועגן
די פּאָגראָמען (דער גרעסטער פאַרדינסט געהערט דאָ א. טשעריקאָווערן).
שוין דער צוועק גופא אין דער ערנסטער צייט, ווען די זאַמלער גופא האָבן
ניט געקאָנט זיין זיכער מיטן לעבן, ווען פאַרהיטן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל
איז געווען די גרעסטע קונץ, באַווייזט אַ געוויסע רייפקייט און פאַראַנטוואָר=
טונגס=געפיל פאַר געשיכטלעכער פאָרשונג. דער גרויסער אַרכיוו מאַטעריאַלן,
ספּעציעלע אויספאָרשונגען, דאָקומענטן וכדומה, וואָס די דאָזיקע גרופּע האָט גע=
זאַמלט לויט אַ געוויסער סיסטעם און האָט אים געבראַכט גאַנץ קיין בערלין,
איז דאָס איינציקע אין דעם פרט, וואָס יידן פאַרמאָגן וועגן די בלוטיקע גע=
שעענישן די יאָרן 1917—1921, און דאָס גרעסטע, וואָס איז אויפגעטאָן
געוואָרן וועגן זאַמלען פּאָגראָם=מאַטעריאַלן פון 1881 אָן. א. טשעריקאָ=
ווערס בוך „אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אין אוקראַאינע 1917—1918“, גע=
בויט אויף די מאַטעריאַלן פון אַרכיוו, דאָס איז שוין אָנערקענט פאַר אַ
ערשטקלאַסיקער היסטאָרישער אַרבעט[1]. דאָס איז ניט בלויז אַ פּאָגראָם=
געשיכטע. דאָ איז אויפגעקלערט דער גאַנצער קאָמפּלעקס נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע
און פּאָליטישע באַציאונגען און קאָנפליקטן אין אוקראַאינע אין די דערמאָנטע
יאָרן, וואָס האָבן געבראַכט צו דער קאַטאַסטראָפע און מאַכן זי פאַרשטענד=
לעך; איינגעשלעך אַ שטיק געשיכטע פון אוקראַאינע די קריטישע יאָרן נאָך
דער רוסלענדער רעוואָלוציע (אין מערץ 1917). אַנדערע בענד פון דערזעלבער
סעריע זיינען שוין לאַנג פאַרטיק, און בלויז געלטמאַנגל האָט געשטערט זיי
אַרויסצוגעבן ביז איצט. אָבער דער מאַטעריאַל איז נאָך ניט אויסגעשעפּט, און
פאָרשער וועלן נאָך האָבן צו טאָן און צו טאָן.

זאָל נאָך דאָ דערמאָנט ווערן פון מאַטעריאַלן פאַר געשיכטע:
א. טשעריקאָווערס „אין דער תקופה פון רעוואָלוציע“, אַ זאַמלונג
זכרונות, דאָקומענטן, באַשרייבונגען פאַר די יאָרן 1918—1921, וועגן דער
לאַגע פון יידן יענע יאָרן אונטער פאַרשיידענע רעזשימען (אוקראַאינישן, באָל=

[1]) א. טשעריקאָווער: אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אויף אוקראַאינע 1917—1918 (צו דער געשיכטע פון אוקראַאיניש=יידישע באַציאונגען) מיט אַ הקדמה פון ש. דובנאָוו אויסגאַבע פונם „מזרח=יידישן אַרכיוו. בערלין 1923, 331 ז' 8^0. אין דער הקדמה צום בוך אי אויך דערציילט די געשיכטע און וועגן דעם אינווענטאַר פון אַרכיוו.

אויף די מאַטעריאַלן פונעם זעלבן אַרכיוו זיינען אויך געבויט:

א. הפך, פּאָגראָם=געשיכטע (1919—1920) באַנד 1. די אוקראַאינער שחיטה אין 1919, אויסגאַבע פון „אַרבעטער=רינג“, ניו=יאָרק 1921, 285 ז' 8^0.

ב. שטיף, פּאָגראָמען אין אוקראַאינע. די צייט פון דער פריוואַליקער אַרמיי. פאַרלאַג „וואָסטאָק“, 1923, 111 ז' 8^0.

שעוויסטישן, קאָלטשאַקס, וראַנגעלס[1]; ד״ר מ. זילבערפאַרבס „אָס יידישע מיניסטעריום אין אוקראַאינע“, אַ קאַפּיטל נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע אין איר אַנטפּלעקונג אין אוקראַאינע דאָס יאָר 1917[2]), און א. רעוואוצקיס בוך „אין די שווערע טעג אויף אוקראַאינע“—די ווייטערדיקע גלגולים פון דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע, די גסיסה פון דער נאַציאָנאַל־אוקראַאינער מלוכה, פּאָגראָמען אאַז״וו דאָס יאָר 1918[3]).

אין פּרט פון אינטערעס פאַר געשיכטע און פאַראַנטוואָרטונג פאַר געשיכטלעכע מאַטעריאַלן איז די אוקראַאינער גרופּע ניט די איינציקע. אַ גרופּע ווילנער אינטעליגענץ האָט די שווערע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע און פון מאַסנהונגער אין ליטע אַרויסגעגעבן די „ווילנער זאַמלביכער“ (1916—1918)[4]), אַ כראָניק פון יידישן לעבן יענע יאָרן. שפּעטער האָט זי, אויף דעם פאַרשטאָרבענעם אַנ־סקי׳ס איניציאַטיוו, געגרינדעט די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין ווילנע, האָט אָנגעזאַמלט היפּשע קאָלעקציעס, אַנטיקן, מאַטעריאַלן, דאָקומענטן; אין 1923 האָט זי אַרויסגעגעבן איר ערשטן ווילנער „פּנקס“.[5]) דער „פּנקס“, צוזאַמען מיט די דערמאָנטע „זאַמלביכער“, איז אַ גרויסע זאַמלונג ערשטקלאַסיקע מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, באַשרייבונגען, וואָס באַנעמען דאָס גאָרע יידישע לעבן די יאָרן קריג, אָקופּאַציע, שטרייט פאַר ווילנער געגנד אאַז״וו. ס׳איז ניטאָ דאָס ווינקעלע אין פּאָליטישן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן, קולטורעלן לעבן, סיי ביי יידן, סיי צומטייל אין אַרומיקן לעבן, וואָס זאָל ניט באַשריבן זיין, אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע דאָקומענטן, וואָס אַ גרויסער טייל זייערער איז צום ערשטן מאָל דאָ געזאַמלט און פאַרעפנטלעכט. דאָס איז צום ערשטן מאָל ביי יידן אַ פּרואוו פון קאָלעקטיווער היסטאָריאָגראַפיע, וואָס גייט נאָך פוסטריט דער צייט, לאָזט ניט פאַרשווינדן ווערן די שפּורן פון דער געשיכטע און גרייט צו פאַר היסטאָריקער אַ זיכערן פונדאַמענטאַלן מאַטעריאַל, אַ מאָנומענט פון פלייס און היסטאָרישן פאַרשטאַנד.

דאָ אין היסטאָרישער פאָרשונג האָט זיך אויך געלאָזט הערן דער אַלטער

[1]) „אין דער תקופה פון רעוואָלוציע“ (מעמוארן, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן). זאַמלביכער אונטער דער רעדאַקציע פון א. טשעריקאָווער, 1 באַנד. „יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג“, בערלין, 1924, 393 ז׳ 8⁰.

[2]) אַרויס דאָס יאָר 1919 אין קיעוו אין „פאָלקס־פאַרלאַג“.

[3]) א. רעוואוצקי „אין די שווערע טעג אויף אוקראַאינע“ (זכרונות פון אַ יידישן מיניסטער). „יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג“, בערלין, 1924, 318 ז׳ 8⁰.

[4]) ווילנער זאַמלבוך, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר צ. שאַבאַד. I, 1916, 272 ז׳ 8⁰. II, 1918, 352 ז׳ 8⁰.

[5]) „דער פּנקס“, מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ווילנע פאַר דער צייט פון קריג און אָקופּאַציע. אויסגאַבע פון דער „יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווילנע“, ווילנע 1923.

אינטערעס צו דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל. ה. בורגין האָט אָפּגעדרוקט אַ גרויסע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, וואָס כאַראַקטעריזירט דערהויפּט די באַוועגונג אין אַמעריקע[1]. פאַר רוסלאַנד און פּוילן האָבן מיר צוויי זאַמלביכער „רויטער פּנקס" מיט זכרונות, מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און וועגן אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע טוער פון די 70ער יאָרן ביז גאָר דער לעצטער צייט.[2] דעם זעלבן צוועק און פאַרנעם האָט אויך דאָס בוך צום 25=טן יובל פון „בונד".[3]

וועגן קולטור=געשיכטע זאָל דערמאָנט ווערן ד"ר י. שיפּערס אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער טעאַטערקונסט (ביז 1750, געשריבן מסתמא אונטער דער ווירקונג פון די פאָלקלאָר=זאַמלונגען (זע פריער, ז' 14) און פון דעם ספּעציעלן אינטערעס פאַר דער טעאַטערפראַגע ביי דער יידישער אינטעליגענץ די לעצטע יאָרן[4]).

פון געשיכטלעכע אַרבעטן און מאַטעריאַלן, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין יידישע זאַמלביכער, זשורנאַלן, קאָנען מיר דאָ ליידער ניט ריידן.

*

דאָס נייע יידישע וועלטלעכע שול=וועזן האָט אונז געבראַכט אַרבעטן וועגן טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען פון דער פּעדאַגאָגיק. די דאָזיקע אַרבעטן זיינען קאָנצענטרירט דערהויפּט אין די פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן. דאָס יאָר 1918 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין קיעוו דער זשורנאַל „שול און לעבן" (1918—1920), פאַר די געזעלשאַפטלעך=פּעדאַגאָגישע פראַגעס פון דער יידישער שול. פון 1919 גייט אַרויס אין ווילנע, דערנאָך אין וואַרשע, „די נייע שול", מער פאַר טעאָרעטישער פּעדאַגאָגיק. פון 1922 גייט אַרויס אין וואַרשע „שול און לעבן". זאָלן אַגב דאָ דערמאָנט ווערן אַ. גאָלאָמבס אַרבעטן אין דער „נייער שול" וועגן דער מעטאָדיק פון

[1]) ה. בורגין, געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג, אַרויסגעגעבן פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, ניו=יאָרק, 1915; 14 + 995 ז' 8°.

[2]) „דער רויטער פּנקס", מאַטעריאַלן און זכרונות צו דער געשיכטע פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער=באַוועגונג. 1 באַנד, פאַרלאַג „קולטור=ליגע" קיעוו 1920 (שבט, 1922, איבערגעדרוקט געוואָרן מיט געוויסע שנויים אין וואַרשע). 2 באַנד, פאַרלאַג „קולטור=ליגע", וואַרשע 1925.

[3]) „25 יאָר" (1897—1922), זאַמלבוך געווידמעט דעם 25=יאָריקן יובל פון דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג. פאַרלאַג „די וועלט", וואַרשע, 1922, 171 ז' 8°.

[4]) ד"ר י. שיפּער, געשיכטע פון יידישער טעאַטער=קונסט און דראַמע (פון די עלטסטע צייטן ביז 1750). באַנד 1, פאַרלאַג „קולטור=ליגע", וואַרשע 1923, 224 ז' 8°.

נאטור-וויסן-למוד. ענלעכע אויסגאבעס זיינען ארויס אין קיעוו[1], אין קאָוונע[2]. פון דער פרי פאַרשטאָרבענער ה. ריוולין; איז אונז געבליבן אַן ארבעט וועגן פאַרשול-דערציאונג[3].

דער פאַרשטאָרבענער געבילדעטער פעדאַגאָג ה. פיאַלקאָוו האָט אַרויסגעלאָזט אין פעטערבורג דאָס יאָר 1918 אַ בוך וועגן אויסערשול-בילדונג.

ספעציעל זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן פּראָפעסאָר פּ. שנייערסאָנס אָריגינעלע ארבעטן „געזעלשאַפט, שול און דעפעקטיווע קינדער"[4], בפרט „קאַטאַסטראָפאַלע צייטן און די וואַקסנדיקע דורות"[5]—אַן אויספאָרשונג וועגן דער ווירקונג פון סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס, בירגערקריג און פאָגראָמען אויף דער פסיכיק פון קינדער, די ערשטע אַרבעט אויף דעם געביט בכלל.

זאָל נאָך דאָ פאַרצייכנט ווערן דער „ווילנער שול-פנקס"[6]—אַ זאַמלונג מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, באַשרייבונגען פון דעם נייעם יידישן שול-וועזן אין ווילנע — אַ וויכטיקע קוועלע צו דערקענען דאָס דאָזיקע אָריגינעלע שול-וועזן אין פעדאַגאָגישן, אָרגאַניזאַציאָנעלן, רעכטלעכן און אַנדערע פּרטים.

*

שוין פון 1913 אָן האָט ד"ר א. מעריסאָן אונז אָנגעהויבן אַריינצופירן אין איבערזעצונגען פון דזש. סט. מיל („די פרייהייט"), ספענסער („די ערציאונג", „ערשטע פרינציפּן"). שפּעטער איז איבערגעזעצט געוואָרן שפּינאָזעס „עטיק" און דער „טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט", אַ טייל פון קאַנטס „קריטיק פון דער פראַקטישער פאַרנונפט", „לאַאָצזע". אין 1914 באַווייזט זיך די ערשטע אָריגינעלע ארבעט, ד"ר ה. זשיטלאָווסקיס אַריינפיר אין

1) „פעדאַגאָגישער ביולעטען", חודש-העפטן. אַרויסגעבער: גובאיד.- בילדביוראָ אין קיעווער לערער-ביוראָ. קיעוו קאָאָפעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע", נומ' 1, אויגוסט 1922, 34 ז' 8^0.

2) „פעדאַגאָגיש בלעטל", זע אויבן, ז' 8, אָנמערקונג 1.

3) העני ריוולין, די אַרבעט אין קינדער-גאָרטן. אויסגאַבע פון קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים, אידאָפּטיילונג. פעטראָגראַד, 1922, 80 ז' 8^0.

4) פּראָפעסאָר פּ. שנייערסאָן, געזעלשאַפט, שול און דעפעקטיווע קינדער, פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע 1922.

5) דערזעלבער, קאַטאַסטראָפאַלע צייטן און די וואַקסנדיקע דורות. יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, בערלין, 1924, 243 + 4 ז' 8^0.

6) זע פריער, ז' 7 אָנמערקונג.

דער פילאָסאָפיע[1]). די לעצטע פאַר יאָר דאַרף מען פאַרצייכענען וו. נאַטאַנ־סאָנס אָריגינעלע אַרבעטן: „קולטור און ציוויליזאַציע"[2]) און „שפּינאָזע און בערגסאָן"[3]).

פון אַנדערע זאַכן זאָל נאָך דערמאָנט ווערן דער קריטיש־ביבליאָ־גראַפישער זשורנאַל „די ביכער־וועלט", וואָס איז דערשינען אין קיעוו די יאָרן 1919—1920 און האָט זיך באַנייט אין וואַרשע דאָס יאָר 1922, וואָס רעגיסטרירט מער־ווייניקער רעגולער די ליטעראַטור און פרעסע אויף יידיש.

*

ס'איז ניט מעגלעך און ס'איז נישט אונזער צוועק, אין די איצטיקע ענגע ראַמען, אויסצורעכענען אַלצדינג, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן וויסנ־שאַפטלעך אויף יידיש.

וויכטיג איז דאָ צו ווייזן און צו אילוסטרירן דעם עצם פאַקט, זיינע גרונדן און טענדענצן. ווען מ'זאָל דאָ רעזומירן דאָס ווייניקע, וואָס דאָ איז פירגעבראַכט, איז קאָן מען זאָגן אַזוי:

1) די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף יידיש איז אַ פּראָדוקט פון אַ ניי־אויסגעוואַקסענער סאָציאַלער און קולטור־סביבה, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דעם אויסגעוואַקסענעם קולטור־ווילן ביי דער יידישער פאָלקסמאַסע בכלל. די דאָזיקע נייע שיכטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אַן אַקטיווע ראָלע אין יידישן פאָלקסלעבן, האָבן אַרויסגעשטעלט זייער אייגענע אינטעליגענץ (אָפּגעשיידט פון דער אַסימילירטער און פון דער תורה־אינטעליגענץ). די דאָזיקע פאָלקסאינטעליגענץ, וואָס האָט פאַרבונדן אירע קולטור־אינטערעסן מיט דער שאַפונג אויף יידיש, דערהייבט זיך דורכ־אַנאַנד צו וויסנשאַפטלעך דענקען, האָט שוין צווישן זיך אַ געוויסע צאָל גע־בילדעטע מענשן מיט פאַך־קענטעניש, מיט וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן, זי האָט שוין אַ באַדערפעניש אין אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויף יידיש.

2) דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער נייער קולטור־סביבה איז דאָס יידישע שול־און בילדונגס־וועזן, וואָס דאַרף האָבן דאָס וויסן אויף יידיש פאַר זיינע צוועקן, פאַראייניקט ביי זיך אַ היפּשע צאָל אינטעלעקטועלן, לערער און קולטור־טוער און שאַפט דורכאַנאַנד, דירעקט און אומדירעקט, פאַרנוצער פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

[1]) ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, די פילאָסאָפיע, וואָס זי איז און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט. 2 בענד, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק 1914, 600 ז' 8⁰.

[2]) וו. נאַטאַנסאָן, קולטור און ציוויליזאַציע, פאַרלאַג „נייע געזעלשאַפט", משיקאַגאָ, 1923.

[3]) דערזעלבער, שפּינאָזע און בערגסאָן, פּאַראַלעלן, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1924.

3) די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף יידיש קומט פון די אַקטועלע פּראָבלעמעס פון דעם יידישן פאָלקסלעבן; זי הייבט דעריבער אָן פון דעם נאָענטן, קאָנקרעטן, פון דעם שטאָף און פון דעם אינטערעס, וואָס איז געגעבן אין דער רעאַלער סביבה, און ציט זיך בהדרגה צו גרינטלעכער טעאָרעטישער פאָרשונג.

4) די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אויף יידיש איז פּרינציפּיעל, לויט איר אינעווייניקסטן מהות אַן עמאַנסיפּאַציע פונם געטאָ=קרייז וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס די טוער פון „חכמת ישראל" קולטיווירן אַלס אַ ספּעציעלע עובדא פאַר דעם יידישן קאָלעקטיוו. זי האָט אָפּגעווישט די גרעניצן פון „יידיש" און „אַלגעמיין" וויסן, די פאָרשטעלונג, אַז „יידיש" וויסן איז אַ ספּעציעלע „נאַציאָנאַלע" זאַך, וואָס מיר דאַרפן עס זוכן און געפינען אין אייגענעם גבול, און „אַלגעמיין" וויסן איז אַ זאַך פאַר יחידים, וואָס זיי קאָנען זיך דאָס פאַרשאַפן, אויף אייגענע אַחריות, וואו זיי ווילן, ווייניקער פאַר אַלץ ספּעציעל צווישן יידן, מיט די מיטלען און מיטן אַחריות פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. ספּעציעל בנוגע צו דעם קאָמפּלעקס, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען „וויסן וועגן יידן" (חכמת ישראל) רייסט זי אים אַרויס פון דעם ענגן קרייז היסטאָריזם, עפנט פאַר דעם דאָזיקן וויסן נייע סאָציאַלע און קולטור=צוועקן, מאַכט דערפון אַ צווייג פון וויסן בכלל פאַר יידן, אַזוי ווי וויסן ביי יעדער אַנדער פאָלק.

5) אין געוויסע פּרטים, ספּעציעל אין דער יידישער פילאָלאָגיע, איז שוין געוויזן אַן אייגענע מעטאָדע, וואָס באַפרוכפּערט דאָס גאָרע אַרבעטס=פעלד אין דעם צווייג וויסן; אין אַנדערע צווייגן האָט מען גענומען פאַרווענדן מעטאָדעס, וואָס זיינען ביז איצט געווען אַ זעלטענער גאַסט אין דער יידישער וויסנשאַפט (אַשטייגער, די מאַרקסיסטישע מעטאָדע אין געשיכטע, אין סאָציאַלע פּראָבלעמעס, די פּרינציפּן פון דער נייער פּעדאַגאָגיק אין ערציאונגס=וועזן). דערמיט איז די יידישע וויסנשאַפט אַרויסגעהויבן געוואָרן פון דעם איינזייטיק=אידעאַליסטישן קרייז.

אַזעלכע אויפטועך ווי דער זשורנאַל „יידישע פילאָלאָגיע" און די „בלעטער פאַר דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק" שפּילן איצט די פירנדיקע ראָלע אין זייערע צווייגן.

דערמיט, ווי אויך מיט דעם אַרויסגעבראַכטן נייעם שטאָף, האָט זיך די וויסנשאַפט אויף יידיש אָביעקטיוו באַרעכטיקט, זי ברענגט שוין עפעס אַיין דער מענטשלעכער וויסנשאַפט בכלל.

6) די נייע גרופּע יידישע וויסנשאַפטלער איז אויפגעקומען אין אַ צייט, ווען אין רוסלאַנד (צומטייל אין אַנדערע לענדער) איז דער פּאַטאָס פאַר יידישער וויסנשאַפט שטאַרק געפאַלן אין די קרייזן יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן געדענקט און געשריבן אויף פרעמדע שפּראַכן און האָבן באמת פאַרמאָגט אַ סך מער וויסן, מעטאָדע און טראַדיציע פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט

אײדער די דערמאָנטע גרופּע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַ שטײגער, אַז די דאָזיקע גרופּע, ניט די אַלטע אינטעליגענט, האָט געזאַמלט, געפּאָרשט מאַטעריאַלן װעגן פּאָגראָמען, װעגן דער גאָרער סאָציאַל־פּאָליטישער לאַגע פֿון ייִדן אין אוקראַאינע, אין ליטע די יאָרן 1917 — 1921, און האָבן פּאַרעפֿנטלעכט װעגן דעם װיסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, מאַטעריאַלן־זאַמלונגען. דאָס הײסט, אַז די דאָזיקע גרופּע װערט איצט דער י ו ר ש און ד ע ר ט ר ע ג ע ר פֿון ייִדישער װיסנשאַפֿט בײ ייִדן אין מזרח־אײראָפּע. די װיסנשאַפֿט אויף ייִדיש האָט אַרויסגעבראַכט נ ײ ע ק ר ע פ ט ן, צוטײל איבערגעצויגן צו זיך ייִדישע װיסנשאַפֿטלער, װאָס האָבן פֿריער געשריבן אויף פֿרעמדע שפּראַכן.

דעריבער איז מען באַרעכטיקט צו זאָגן:

7) די װיסנשאַפֿט אויף ייִדיש, װי קלײן און אָרעם זי זאָל ניט זײן, איז ניט קײן צופֿעליקע זאַך. זי האָט אירע טיפֿע אָרגאַנישע סיבות אין ייִדישן סאָציאַלן און קולטור־לעבן און שטיצט זיך אויף רעאַלע באַדערפֿענישן און מעגלעכקײטן. בײדע גרופּעס: סײ די פּאַרנוצער פֿון דער װיסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, סײ אירע שעפֿער, זײנען פֿאַראַן און זײ האַלטן אין װאַקסן.

4

ס'װאָלט אָבער געװען אַ גרינדלעכער טעות צו מײנען, אַז די װיסנשאַפֿט אויף ייִדיש האָט דערלאַנגט דאָס, װאָס זי האָט געקאָנט דערלאַנגען אַפֿילו בײ אירע איצטיקע שאַפֿונגס־קרעפֿטן, אַז זי באַפֿרידיקט אונזערע אָביעקטיװע רעאַלע באַדערפֿענישן, און בפֿרט, אַז זי האָט שוין פֿאַר זיך איצט אַ נאָרמאַלן אַנטװיקלונגס־װעג. מיר זײנען הינטערשטעליק אין אַלע דרײ פּרטים.

דאָס ייִדישע שול־װעזן מאָנט בײ אונדז לערער, דערצױער מיט אַ גרינדלעכער אַלגעמײנער און פֿאַכמענישער אויסבילדונג. ס'שטעלט זיך אַרויס קודם־כּל, אַז אונדז פֿעלן די ה ע כ ע ר ע ש ט אַ פּ ל ע ן אין דעם פּעדאַגאָגישן לײטער, די מענטשן, װאָס זאָלן אויסבילדן לערער אין די לערער־סעמינאַרן, װאָס זאָלן לערנען אין די מיטל־שולן. אויב מ'קאָן זיך נאָך זאָגן, אַז זאָלן אַזױנע מענטשן קריגן זײער אויסבילדונג, אַ שטײגער אין נאַטור־װיסן, אין די אײראָפּעאישע אוניװערסיטעטן און דאָס איבעראַרבעטן נאָכדעם פֿאַר זײער אוידיטאָריע אויף ייִדיש (דאָס איז אויך ניט אַזױ פּשוט), — איז קאָן מען שוין אַזױנס לחלוטין ניט זאָגן װעגן אײניקע, אַזױ גערופֿענע „ייִדישע פֿאַכן": ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור, ייִדישע געשיכטע וכדומה. װאו זאָלן זײ זיך אַזױנס לערנען? פּאַקטיש איז טאַקע די לאַגע אַזױ, אַז אין ייִדישע לערער־סעמינאַרן, לערער־קורסן, מיטלשולן פֿעלן אויס צומײסטן פּאַסיקע דאָצענטן און לערער גראָד פֿאַר די דאָזיקע „ייִדישע פֿאַכן". דער דאָזיקער צושטאַנד ברענגט דערצו, אַז ייִדישע לערער (פֿאַר די פֿאָלקסשולן), דער װאַקסנדיקער דור

יידישע אינטעליגענץ (אין די מיטל-שולן) ווערן ניט גענוג אויסגעבילדעט אין די דאָזיקע פאַכן, דערפוןליידן אונזער פאָלקס-שול און אונזערע קינפטיקע קולטורטוער, אָבער פון וואַנען זאָלן זיך נעמען די העכערע שטאַפּלען, אַז ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל זיי לערנען?

ס׳איז אָבער ניט בלויז אַ שול-פראַגע, ס׳איז אַ סך מער. דאָס, וואָס אונז פעלט גראָד יידיש וויסן, אָזט זיך פילן אין אַלע ווינקעלעך. מיר ווייסן אין וואָס פאַר אַ נידעריקן מצב ס׳געפינט זיך אונזער שפּראַך, דאָס געצייג פון אונזער גאָרער קולטור אַרבעט, אין דער פרעסע, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט. דאָס פאַרדאַרבן די שפּראַך אין דער יידישער פרעסע האָט דערלאַנגט אַזאַ מדרגה, אַז די לעצטע צייט הערן זיך פון אַלע זייטן ווײ-געשרייען און פּראָטעסטן קעגן דער הפקרות. אָבער וואו זאָל זיך דער יידישער זשורנאַליסט לערנען די שפּראַך? (די שיינע ליטעראַטור קאָן אים דאָ ווייניק דינען). וואו איז דער אַווטאָריטעט, וואָס מ׳זאָל זיך צו אים צוהערן?

דאָס זעלבע אומוויסן, חוץ זעלטענע אויסנאַמען, אָפּטמאָל פשוט אומפאַרשטאַנד און אומאינטערעס, זעט איר אין דער פרעסע בנוגע יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראַטור, יידישע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראַגעס, ווער שמועסט שוין פון פעדאַגאָגיק, וועגן יידישן שול-וועזן! מיר האַלטן, הייסטדאָס, שמאָל מיט ביידע מינים פאָלקס-דערציער: מיטן לערער, מיטן זשורנאַליסט, מיטן שרייבער בכלל.

ס׳פעלט אונז דאָס וויסנשאַפטלעכע בוך פאַר געבילדעטע, דאָס פּאָפּולערע בוך פאַר גרעסערע קרייזן פאָלקס-אינטעליגענץ, וואָס האָבן קיין נאָרמאַלע יידישע שול ניט דורכגעמאַכט.

אָבער ס׳פעלט אונז דער בוך ניט בלויז דערפאַר, ווייל מיר פאַרמאָגן ניט גענוג וויסנשאַפטלער און געבילדעטע אינטעליגענץ. אַ סך ערגער איז, וואָס אונזערע וויסנשאַפטלער און געבילדעטע זיינען ניט אימשטאַנד אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס זיי פאַרמאָגן, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט פאַרמאָגן. און דאָ קומען מיר צו דעם קערן פון דער גאָרער פראַגע:

ס׳פעלט ביי אונז די אָרגאַניזירטע קאָלעקטיווע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, די אינסטיטוציע, וואָס זאָל זאָרגן, אַז די פּאַסיקע מענטשן זאָלן זיך אַליין קענען פאַרפולקומען אין זייער פאַך און זאָלן קאָנען אַנדערע לערנען מיט וואָרט און שריפט.

אין ערגעץ אין דער וועלט, ביי פעלקער, וואָס זיינען מאַטעריעל און קולטורעל שטאַרקער, זיכערער פאַר אונז, האַלט זיך ניט די וויסנשאַפט אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו און אחריות פון אירע שאַפער. דערפאַר זאָרגט די מלוכה, דער גאַנצער פאָלקס-קאָלעקטיוו. אַקאַדעמיעס, אוניווערסיטעטן, ספּעציעלע אינסטיטוטן, עפנטלעכע ביבליאָטעקן האַלטן אויס אַ מחנה פּראָפעסאָרן, געלערנטע, וואָס קאָנען זיך דעריבער אָפּגעבן מיט זייער פאַך, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן

און ספּעציעלע פאָנדן גיבן די מעגלעכקייט צו פאָרשן, עקספּערימענטירן, אויסצופירן עקספּעדיציעס, צו דרוקן זאַכן, וואָס זיינען ניט פאַר די קרעפטן פון קיין פּריוואַטע פאַרלעגער. אַזוי איז אויפגעקומען די גרויסע וויסנשאַפט, אַזוי פירט זי זיך ווייטער. מיר האָבן דאָס אַלץ ניט. יעדער וואָס וויל זיך ביי אונז ערנסט אָפּגעבן מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, האָט אויסצושטעלן בלויז אויף זיך אַליין. גראָד אָבער שטאַמען אונזערע וויסנשאַפטלער פון אָרעמסטע פאָלקסטיילן; די פאַרמעגלעכע, ממילא אַסימילירטע קלאַסן, באַטייליקן זיך ניט אין קיין קולטור-אַרבעט אויף יידיש. איז איינס פון די ביידע: ענטוועדער דער וויסנשאַפטלער גיט זיך אָפּ מיט זיין פאַך, דאַן מוז ער פאַרדאַרבן אין נויט און עלנט (אַ קנאַפּע סגולה פאַר אַ רואיקער אַרבעט), אָדער ער מוז זיך זוכן אַ „זייטיקע" באַשעפטיקונג, אַרבעט ער אָפּ דעם גאַנצן טאָג ערגעץ אין אַ ביוראָ, אין אַ צייטונגס-וואַרשטאַט, און „פאַר זיך" בלייבן אים די שפּעטע נאַכט-שעהן. פאַקטיש איז די לאַגע אַזוי, אַז ער בלייבט שטעקן צווישן ביידע מעגלעכקייטן, טוט אַ ביסל דאָס און אַ ביסל יענץ, האָט ניט ניט קיין מענטשלעכע עקסיסטענץ, ניט קיין גענוג צייט און רו פאַר זיין פאָרשונגס-זאַך. ממילא קומט דאָ דערצו, אַז, חוץ זעלטענע אויסנאַמען, זיינען אונזערע וויסנשאַפטלער גענויט צו טאָן דילעטאַנטיש אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. ניט זיי קענען זיך גופא ברענגען צו דער נייטיקער שלמות, ניט זיי קענען אַרויסברענגען פאַר יענעם אַפילו דאָס, וואָס זיי האָבן שוין אָנגעזאַמלט. וואָרים אויב אַפילו זיי האָבן שוין מיט נסים פאַרטיק גרעסערע אַרבעטן, איז ווער וועט זיי דרוקן? שוין ניט צו ריידן דערפון, ווער עס וועט זיי האָנאָרירן!

ווי קאָן ביי אונז געדייען, אַ שטייגער, אַזאַ אויפטו, ווי דער זשורנאַל „יידישע פילאָלאָגיע"? צווישן יידישע שטעט, וואו אַ יידישער אינטעליגענט קאָן געפינען פאַר זיך אַרבעט, איז ניט פאַראַן קיין איינע, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ באַדייטנדיקע פילאָלאָגישע ביבליאָטעק, אַ היבשע קאָלעקציע אַלטע יידישע דרוק-ווערק, ווער שמועסט שוין מאַנוסקריפּטן. דאָס אַלץ קען מען געפינען בלויז אין די גרויסע אייראָפּעאישע צענטערס: אין בערלין, פראַנקפורט, מינכען, לאָנדאָן, אָקספאָרד וכדומה. אָבער ווי קען זיך אַ יידישער פילאָלאָג פאַרגינען פאַרברענגען לענגער אין אַ אייראָפּעאישן צענטער, אַפילו אָפּטער צו פאָרן אַהין, בעת דאָרטן האָט ער שוין זיכער קיין שום אויסזיכטן ניט אויף דער „זייטיקער" באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין די זעלטענע פרייע שעהן פאַר זיך? פון אָנשאַפן פאַר זיך אַ פילאָלאָגישע ביבליאָטעק, קאָפּיעס פון זעלטענע דרוק-ווערק, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. וואו קאָנען מיר ערנסט פאָרשן אונזער פאָנעטיק, ניט האָבנדיק קיין פאָנעטישע לאַבאָראַטאָריע?

ממילא מוז זיך שוין אונזער איינציקער פילאָלאָגישער זשורנאַל שפּייזן מיט דעם, וואָס איז מעגלעך אַרויסצוקריגן אויף אָן אָרט ביי די געגעבענע מעגלעכקייטן, אָדער מיט זאַכן, וואָס זיינען אויפגעקומען על פּי נס, ווייל

אין די אייראָפּעאישע צענטערס זייגען צופעליק געבליבן שטיקן (אין דער ערגסטער בויט־לאַגע און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג) אַ פּאָר יידישע שפּראַכ־פאָרשער.

אָבער שוין אַרויסגעקריגן דעם מאַטעריאַל, ווי אַזוי דרוקט מען און מ׳פאַרשפּרייט דעם זשורנאַל? מיר האָבן צו ווייניק געבילדעטע אינטעליגענץ (פון פאַך־לייט שוין אָפּגערעדט), וואָס זאָל זיך אינטערעסירן און קויפן אַ פאַך־זשורנאַל. מיר האָבן אָבער קיין געזעלשאַפטלעכע פאָנדן דערויף אויך נישט. צו־פעליק דרוקט איצט די קולטור־ליגע און דערלייגט. פון דעם זשורנאַל איז אַרויס דאָס יאָר 1924 — 15 בויגן אין צוויי העפטן, אַנשטאָט די געפּלאַנטע 36 בויגן, כאָטש אין קיין מאַטעריאַל איז גראָד קיין מניעה ניט געווען. אָבער ווי לאַנג וועט די „קולטור־ליגע“ וועלן און אימשטאַנד זיין צו דערלייגן, אפילו צו 15 בויגן אַ יאָר, אפילו ביי דעם צושטאַנד, ווען ניט די רעדאַקציע, ניט די מיטאַרבעטער קריגן ניט באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט?

דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן אַלע אַנדערע צווייגן אויך.

קורץ, די וויסנשאַפט אויף יידיש האַלט זיך ביי אונז אויף מסירת־נפש און אומגעהייערן קולטור־ווילן פון אירע טוער. אָבער די גרעסטע מסירת־נפש קאָן ניט ממלא זיין דאָס, וואָס אונז פעלט אין אָרגאַניזירטער אַרבעט, אין אינסטיטוציעס און אין פאָנדן פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן, און ס׳איז שוין ניטאָ קיין שום גאַראַנטיע פאַר אויסבילדן דעם נאָכוואוקס, דעם קינפטיקן דור יידישע וויסנשאַפטלער.

5

פון דעם דאָזיקן קאָנפליקט צווישן אונזערע אויסגעוואַקסענע וויסנ־שאַפטלעכע באַדערפענישן און די הינטערשטעליקע מעגלעכקייטן איז פאַראַן בלויז איין אויסוועג: **מיט געזעלשאַפטלעכע מיטלען אָרגאַניזירן אַ פּלאַנמעסיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט.**

דאָ האַנדלט זיך ניט אין קיין אוניווערסיטעט אויף אויסצובילדן יידישע מעדיצינער, יוריסטן וכדומה. ניט מיר דאַרפן, ניט מיר קענען דאָס האָבן, ניט דאָס שטימט מיט אונזערע צוועקן. וואָס האָבן אונז געהאָלפן די טויזנטער פּראָפעסיאָנאַלן ביז איצט? אין אונזער לאַגע מוזן מיר אָנהייבן פון דעם דאַך, פון אַ יידישער **ריין אַקאַדעמישער אינסטיטוציע**. ס׳האַנדלט זיך דערין, וואָס אונזערע וויסנשאַפטלער, וויניקסטנס אַ טייל פון זיי, וואָס האָבן באַוויזן די ביטיקע פאַכקענטעניש, דעם אינטערעס און דעם ווילן פאַר וויסנ־שאַפט אויף יידיש, האָבן אַרויסגעבראַכט געוויסע אַרבעטן, זאָלן זיך קענען אָפּ־געבן מיט זייער אַרבעט, זיי זאָלן האָבן דעם נייטיקן אַפּאַראַט דערצו (ביבליאָ־טעקן, ספּעציעלע קאַבינעטן, לאַבאָראַטאָריעס וכדומה) און זייער אַרבעט זאָל צומבעסטן פאַרווענדעט ווערן פאַר אונזערע צוועקן.

ס'פעלט אונז דער נוסח, די טראַדיציע; מיר האָבן זיך אינסטינקטיוו דערווייטערט פון דעם היסטאָריזם, מיר האָבן זיך אָבער נאָך ניט גאָר באַפרייט פון פובליציסטיק, פּאָליטיק. ס'דאַרף באַשאַפן ווערן אַ נייע וויסנשאַפטלעכע טראַדיציע, און דאָס קען אויסגעפירט ווערן בלויז, ווען פון צעזייטע און צעשפרייטע יחידים וועט ווערן אַ קאָלעקטיוו מיט אַן אייגענער וויסנשאַפטלעכער מיינונג.

לסוף: ס'וואַרטן אויף אונז אַרבעטן און אויפטועון פאַר אַרבעטן, וואָס זיינען בעצם אַ זאַך פאַר אַ קאָלעקטיוו, וואָס דאַרפן האָבן סיי די מיטאַרבעט, סיי די קאָנטראָלע און אַוטאָריטעט פון אַ קאָלעקטיוו.

פאַר די דאָזיקע צוועקן דאַרפן מיר האָבן אַן אַקאַדעמישן אינסטיטוט.

נישט אַלע פּרטים לאָזן זיך איצט פּאָראויסזען אין דעם פּלאַן, און דאָס איז אין דער איצטיקער סטאַדיע ניט וויכטיק אויך. די סכעמע פון אַזאַ אינסטיטוט קאָן מען זיך איצט פאָרשטעלן אַזוי:

מ'מוז זיך קודם־כל באַגרענעצן: ניט אַלע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינעס לאָזן זיך איצט אַרונטערנעמען אונטער דעם דאָזיקן דאַך: ניט מיר האָבן דערפאַר די נייטיקע מיטלען, ניט מיר זיינען שוין דערפאַר גענוג רייף. דערוייל מוזן מיר זיך צופרידנשטעלן מיט אַזוינע צווייגן, וואָס מיר זיינען צומייסטנס אין זיי היגטערשטעליק, וואָס ערגעץ אַנדערש וואו קאָנען מיר דאָס ניט לערנען, אָדער ניט אין דעם נייטיקן פאַרנעם, וואָס מיר קאָנען זיי צומעסטן פאַרווענדן פאַר צוועקן פון אונזער פאָלקס־קולטור, וואָס מיר זיינען אין זיי בכוח עפּיס אויפצוטאָן פאַר דער וויסנשאַפט בכלל. קורץ געזעדט, דאָס זיינען די אַזוי גערופענע „יידישע פאַכן": 1) יידישע פילאָלאָגיע, 2) יידישע געשיכטע, 3) די סאָציאַל־עקאָנאָמישע גרופּע, 4) פּעדאַגאָגיק און די גרענעץ־דיסציפּלינעס (פּסיכאָלאָגיע וכדומה).

לויט דעם דאָזיקן פּלאַן ווערט דער אינסטיטוט געטיילט אין פיר סעקציעס, לויט די פריערדערמאָנטע פיר גרופּעס. ס'ווערט געשאַפן די נייטיקע ביבליאָטעק, אָדער ביבליאָטעקן אין אָריגינאַלן און אין פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס, און די נייטיקע הילפּאינסטיטוציעס.

די סעקציע פאַר יידישער פילאָלאָגיע, אַ שטייגער, שאַפט פאַר איר אַרבעט אַזוינע אינסטיטוציעס: 1) אַ פאָנעטישע לאַבאָראַטאָריע עקספּערימענטאַל צו פאָרשן די יידישע פאָנעטיק, 2) אַ קאַבינעט פאַר פאָלקלאָר, צו זאַמלען, פאָרשן, סיסטעמאַטיזירן און קריטיש אַרויסגעבן אונזער פאָלקסשאַפונג, 3) אַ ביבליאָגראַפישן אינסטיטוט צו רעגיסטרירן אונזער לויפנדיקע גייסטיקע פּראָדוקציע, אויפשטעלן סיסטעמאַטישע רשימות, אַלגעמיינע און לויט געוויסע צווייגן, פון אונזער פריערדיקן אוצר. די דאָזיקע סעקציע שטייט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע אָרטיקע קאָרעספּאָנדענטן, מאַכט אויך עקספּעדיציעס פאַר פאָנעטישע

און פאָלקלאָריסטישע צוועקן, אויסצופאָרשן וויניק=באַקאַנטע אַנטיקן אין ביב=ליאָטעקן וכדומה. די דאָזיקע סעקציע נעמט זיך פיר אַזוינע קאָלעקטיווע אַרבעטן:

א) איבערדרוקן אין קריטישע אויסגאַבעס זעלטענע אַלטע דרוק=זאַכן, דרוקן יידישע מאַנוסקריפּטן; ב) דרוקן סיסטעמאַטיזירטע קוועלנ=זאַמלונגען פון עלטערע און אפילו נייערע יידיש=פאָרשער, פון ביכלעך, אַרטיקלען, נאָטיצן וכדומה, וואָס זיינען שוין געוואָרן אַ יקר=המציאות, אָדער זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשיידענע זאַמלביכער, צייטשריפטן וכדומה, וואָס זיי איז שווער צו דערלאַנגען. ג) אַרויסגעבן אַ ביבליאָ=גראַפישן זשורנאַל; ד) זאַמלען מאַטעריאַל און אַרויסגעבן אַן אַקאַ=דעמישן יידישן ווערטער=בוך*); ה) אַרויסגעבן אַ ביבליאָ=גראַפישן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע; ו) אויפשטעלן אַן אַטלאַס פון יידישע דיאַלעקטן א. א. א.

חוץ דעם באַטייליקן זיך די גלידער פון דער דאָזיקער סעקציע מיט זייערע אינדיווידועלע אַרבעטן אין די „שריפטן פון דעם יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט”.

די סעקציע פאַר יידישער געשיכטע (מ׳דאַרף משער זיין, אַז איר פּאָסיקסטע אַרבעט וועט זיין דערהויפּט די געשיכטע פון אשכנזישע יידן אין די דייטשישע און סלאַווישע לענדער) שאַפט ביי זיך אַן אַרכיוו צו זאַמלען פאַרשיידענע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן (מאַסן אַזוינע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן גייען פאַרלאָרן פאַר אונזערע אויגן). שוין איצט קאָן זי איבערנעמען אַזאַ וויכטיקע זאַך, ווי דעם „מזרח=יידישן אַרכיוו” („פאָגראָם”=אַרכיוו פאַר די יאָרן 1917—1921). זי קאָן פירנעמען, אַ שטייגער, אַזוינע קאָלעקטיווע אַרבעטן: א) קריטישע אויסגאַבעס פון עלטערע יידישע כראָניקעס, מעמואַרן=ביכער וכדומה; ב) רעגעסטן פון שאלות—תשובות און אַנדערע ספרים, וואָס האָבן אַ ווערט פאַר דעם היסטאָרישן וויסן; ג) קוועלנזאַמלונגען לויט אַ געוויסן פּלאַן, פון תקופות, פאָלקס=באַוועגונגען וכדומה,—די וויכטיקסטע קוועלן אין אָריגינאַל, מיט אַ קריטיש=אָריענטירנדיקן אַריינפיר אאז״וו.

חוץ דעם—אינדיווידועלע אַרבעטן אין די אַקאַדעמישע „שריפטן”.

די סעקציע פאַר סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמעס שאַפט ביי זיך אַ סטאַטיסטישן קאַבינעט; קאָלעקטיוו זאַמלט זי, סיסטעמאַטיזירט דעם פאַראַנענעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, אַרבעט אויס אַנקעטעס און פירט זיי אויס דורך אירע קאָרעספּאָנדענטן אין פאַרשיידענע לענדער, פּובליקירט דאָס אין ספּעציעלע אויסגאַבעס (סטאַטיסטיש יאָר=בוך) און אין די אַקאַדעמישע

*) איצט זאַמלט מאַטעריאַלן פאַר אַ יידישן ווערטערבוך אין דער שווערסטער לאַגע ז. קאַלמאַנאָוויטש.

„שריפטן“, אין איר פאָרשונגס-גבול גייט אַריין וויסנשאַפטלעך אויסצופאָרשן, אַ שטייגער, די וועגן און רעזולטאַטן פון דער יידישער עמיגראַציע, פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פאַרשיידענע לענדער, די עקאָנאָמישע, די היגיענישע און אַנדערע באַדינגונגען פון דער יידישער אַרבעט, די יידישע קאָאָפּעראַציע וכדומה.

די סעקציע פאַר פּעדאַגאָגיק שאַפט *אַ לאַבאָראַטאָריע* פאַר עקספּערימענטאַלע פּעדאַגאָגישע פאָרשונגען, לייגט דעם גרונדשטיין פאַר דעם צווייג וויסן, וואָס איז נאָך ביי אונז צומווייניקסטן אַנטוויקלט: דאָס וויסן פון דעם יידישן קינד; אַרבעט אויס פאַרשיידענע אַנקעטעס פאַר די שול-טוער זאַמלט, סיסטעמאַטיזירט און פאַרעפנטלעכט דעם מאַטעריאַל, העלפט אָרגאַניזירן פּעדאַגאָגישע מוזייען, באַטייליקט זיך מיט אירע אַרבעטן אין די אַקאַדעמישע „שריפטן“.

דער אינסטיטוט האָט זיינע *קאָרעספּאָנדענטן* אין אַלע לענדער מיט גרעסערע יידישע קיבוצים.—*דער* אינסטיטוט אָרגאַניזירט פּעריאָדישע *צוזאַמענפאָרן* פון יידישע וויסנשאַפטלער, אַלגעמיינע און לויט געוויסע צווייגן, *אויסשטעלונגען*, באַטייליקט זיך אין אַרבעטן און אין אינסטיטוציעס פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם.

אין אַלע אַנשטאַלטן פון דעם יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט קענען מיטאַרבעטן, לויט דעם איינזען פון די אַקאַדעמיקער און אויף זייער אחריות, *יונגע קרעפטן*, וואָס ווילן זיך אָפּגעבן מיט דעם אָדער יענעם צווייג וויסנשאַפט.

שפּעטער, ווען דאָס ערשטע נייטיקסטע וועט זיין פאַרפוגדעוועט, קאָן באַשאַפן ווערן ביי דעם אינסטיטוט *אַ שטענדיקע אודיטאָריע* פאַר 30—40 מענטשן (לערער וכדומה) פון אַלע יידישע ישובים, וואָס האָבן די נייטיקע צוגרייטונג און ווילן זיך ווייטער אויסבילדן אין אַ געוויסן פאַך.

*

ס׳וואָלט געווען זייער נאַטירלעך, אַז אַ אינסטיטוט זאָל אײַנשטיין אין אַ גרויסן יידישן צענטר, ספּעציעל אַ שטייגער אין *ווילנע*. דאָרט וואָלט ער געקאָנט ציען די יניקה פון אַ לעבעדיקער סביבה, מיט אַלע אירע פאָלקסאינטערעסן, מיט איר פּראַקטיק און מיט אירע נויטן; דאָרט וואָלט ער זיך געקאָנט שטיצן אויף אַ פאַרצווייגטער יידישער שול-און בילדונגס-אַרבעט און דירעקט סיסטעמאַטיש משפּיע זיין אויף דער דאָזיקער אַרבעט; דאָרט וואָלט ער אויך גיכער פאַרוואַקסן מיט סימפּאַטיע און איבערגעגעבנקייט פון ברייטערע יידישע קרייזן, קודם-כל פון דער יידישער אַרבעטער-מאַסע און דער יידישער פאָלקסאינטעליגענץ, ממילא וואָלט אפשר געשאַפן געוואָרן אַ גינציקערע סיטואַציע אַפילו פאַר זיין מאַטעריעלן קיום. אָבער ווי דאָס אַלץ זאָל

ניט זיין פּרינציפּיעל ריכטיק, — איז מוז מען זיך זאָגן, אַז פּראַקטיש וואָלט אַזאַ אינסטיטוט בלויז אין ווילנע איצט ניט דערלאַנגט אינגאַנצן דעם צוועק, וואָס מיר שטעלן זיך. אין ווילנע (און אפילו אין וואַרשע) פעלט די סביבה און די טראַדיציע פון אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט מיט אַלע אירע הילפס-קוועלן און אינסטיטוציעס. דאָ קאָן זיך דער אינסטיטוט כמעט ניט שטיצן אויף קיין גרויסע ביבליאָטעקן, קאַבינעטן, לאַבאָראַטאָריעס וכדומה הילפס-אינסטיטוציעס, וואָס אָן זיי איז קיין ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט ניט מיגלעך. איינשאַפן זיך דאָס אַלץ — דאָס איז אין בעסטן פאַל אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס. דאָ איז אויך ניטאָ ביי וועמען צו לערנען: די וויסנשאַפטס-קולטור אין די נייע מדינות האַלט נאָך ניט אַזוי ווייט ווי אין מערב. ס'איז פאַראַן אַ געוויסע געפאַר, אַז די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט דאָ זאָל זיין צו פיל אָנגעוויזן אויף אונזערע אייגענע שוואַכע קרעפטן, ממילא זיין אַ האַלבע אַרבעט, ניט דערלאַנגען די הייך, וואָס מיר דאַרפן האָבן. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן די געפאַר, אַז ביי דער פאַרביטערטער פּאַרטיי-אַטמאָספער, וואָס דערמיט איז אָנגעשטעקט אונזער גאָר לעבן ביז די ווייטסטע ווינקעלעך, זאָל דער אינסטיטוט ווערן אַן אָביעקט פון פּאַרטיי-שטרייטיקייטן. שוין ניט צו ריידן וועגן דער ספּעציפישער לאַגע אין די נייע מדינות, וועגן דער באַציאונג דאָרט צו יידישער קולטור וכדומה. מיט איין וואָרט: ביי דער איצטיקער סיטואַציע וואָלט אַזאַ אינכטיטוט אין ווילנע (אָדער אין וואַרשע) שטאַרק לאָקאַליזירט געוואָרן; זייער שווער וואָלט צוגעגאַנגען זיין אויסשטראַלונג, זיין ווירקונג אויף יידישע קאָלעקטיוון אין אַנדערע לענדער.

אַן אינסטיטוט אין אַ גרויסן אייראָפּעאישן צענטער, בערלין אָדער ווין, וואָלט געהאַט אַרום זיך די סביבה, די טראַדיציע פון וויסן, גוטע וועגווייזער, די נייטיקע הילפס-אינסטיטוציעס, וואָלט שטאַרק פאַראיינפאַכט די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון דעם אינסטיטוט, וואָלט אויסגעמיטן די פריער-דערמאָנטע געפאַרן; וואָלט אָבער אַקעגן ניט געהאַט די דירעקטע נייטיקע יניקה און דאָס עקספּערימענטאַלע אַרבעטספעלד פון אַ לעבעדיקער יידישער סביבה.

פון דער דאָזיקער סתירה זעען מיר בלויז איין אויסוועג: ניט איין אינסטיטוט אין איין אָרט, נייערט אַ סיסטעם קאָאָרדינירטע אינסטיטוציעס, וואָס אַרבעטן לויט איין פּלאַן מיט אַ אינעווייניקסטן און אָרגאַניזאַציאָנעלן פאַרבונד. דאָס שטימט מיט דער אָביעקטיווער לאַגע און מיט דער פאַקטישער לאָקאַליזירטקייט פון די יידישע מאַסן אין פאַרשיידענע לענדער, מיט די אייגנטימלעכקייטן פון זייער סאָציאַלער און קולטור-סביבה. אַ גליד-אינסטיטוציע פון דעם אַקאַדעמישן אינסטיטוט אין ווילנע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. מ'דאַרף אָבער אויך אַראָפּוואַרפן די אַלע אָנגענומענע אומקריטישע טענות קעגן אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן צענטער אין בערלין אָדער ווין און צוגיין צו דער זאַך פּראַקטיש. די ערשטע אַקאַדעמיקער אין דער רוסלענדער אַקאַדעמיע זיינען געווען אויסלענדער,

דערהויפּט דייטשן; די דייטשע השפּעה איז דאָרט געווען ניכּר אפילו ביז די לעצטע יאָרן. רוסישע אוניווערסיטעטן און אַנדערע הויכשולן, אַליין שוין מיט אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער טראַדיציע און אויסגעריכט מיט אַלע נייטיקע הילפסאינסטיטוציעס, פלעגן נאָך די לעצטע יאָרן יאָר איין יאָר אויס שיקן צענדליקער וויסנשאַפטלער=אָנהייבער זיך פּאַרפולקומען אין אויסלאַנד דערהויפּט אין דייטשלאַנד. מיר קאָנען די פרעמדע לערער, בפרט זייערע הילפסאינסטיטוציעס, אוודאי ניט אַראָפּברענגען צו זיך. איז דעריבער נאַטיר= לעך, אַז מיר זאָלן בויען אַ וויסנשאַפטלעכע נעסט ביי דעם קוואַל פון וויסן, וויי‌ניקסטנס דערווייל, ביז ס'וועט קלערער ווערן די לאַגע.

מיר שטעלן זיך דעריבער פאָר אַן אינסטיטוט אין אַ גרויסן אייראָפּעאישן צענטער, וואָס פאַרמאָגט איצט אינטעליגענץ פון מזרח=אייראָפּע (אַשטייגער, בערלין), און אָפּצווייגן פון אַזאַ אינסטיטוט אין די יידישע ישובים, וואָס זיינען שוין מער=ווייניקער רייף פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס דאָרט זיינען פאַראַן גרעסערע קולטור=אָרגאַניזאַציעס און די געהעריקע וויסנ= שאַפט=מענטשן: קודם=כּל אין ווילנע, אָבער אויך אין ניו=יאָרק, מיט דער צייט אפשר אין אַנדערע ישובים אויך. ווי אַזוי פאַרטיילן די אַרבעט און די מיטלען צווישן אַזוינע אינסטיטוציעס,—דאָס איז אַ שפּעטיקערע און אַ פּראַקטישע פראַגע. איצט וואָלט דערפון געווען פרי צו ריידן.—דאָס מאַכט די זאַך שווערער, אָבער דאָס איז דאָס איינציק=ריכטיקע, ווייל דאָס שטימט אָביעקטיוו מיט דער לאַגע.

*

דעם פינאַנץ=פּלאַן, דעם מינימום, וואָס איז שוין נייטיק, קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַזוי:

דירה=געלט, הייצונג, באַלייכטונג . .	2000	דאָלאַר	אַ יאָר
באַדינונג	1200	"	"
האָנאָראַר פאַר 8 אַקאַדעמיקער (צו 2 אין יעדער סעקציע)	8000	"	"
סעקרעטאַר, קאַנצעלאַריע	2000	"	"
ביבליאָטעק	3000	"	"
וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן . . .	4000	"	"
פאַרשידענע, ניט פאָראויסגעזעענע	1800	"	"
	22000	דאָלאַר	אַ יאָר

*

ווער זאָל אויף זיך נעמען די אָרגאַניזאַציע פון דעם אינסטיטוט, די זאָרג פאַר פינאַנסירן וכדומה?

די יידישע מאַסע איז צעריסן טעריטאָריעל און שלעכט אָרגאַניזירט, האָט ניט יעדנפאַל די איינע גרויסע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען אָנלאָדן אויף זיך אַזאַ זאַך. אָבער אייניקע קולטור=אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר דאָך. דאָס

איז אויך אונז געקומען די לעצטע יאָרן, צוזאַמען מיטן נייעם שול-וועזן, און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַרבעטס- און לעבנס-פעאיק. מיר מיינען די **צענטראַלע יידישע שול-אָרגאַניזאַציעס** אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד, דעם דערציאונגס-דעפּאַרטאַמענט ביי דעם „אַרבעטער-רינג" אין אַמעריקע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַוויזן היבשע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן, האָבן שוין געוויסע וואָרצלען, אויטאָריטעט אין ברייטערע קרייזן פון פאָלק, האָבן גוט צי שלעכט זייערע ביודזשעטן. אַהער קענען נאָך צוקומען אַזוינע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „י. ל. פּרץ-שרייבער-פאַראיין" אין ניו-יאָרק, ליטעראַרישע, קולטור-געזעלשאַפטן אין אַנדערע לענדער.

מיר נאַרן זיך ניט אין חשבון: אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, דערהויפּט אין אייראָפּע, ראַנגלען זיך אַליין מיט דער ביטערער נויט פאַר זייערע טאָג-טעגלעכע באַדערפענישן. אָבער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם אינסטיטוט, און זיי פאַרמאָגן אויטאָריטעט אין די קרייזן, וואָס זיינען דירעקט פאַראינטערעסירט אין אַ יידישער קולטור-אַרבעט, אָדער סימפּאַטיזירן מיט אַזאַ אַרבעט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן איצט צוהילף קומען, געפינען די וועגן ווי אַזוי אויפצובויען פון אינעווייניק דעם אינסטיטוט און ווי אַזוי צו פאַרזיכערן זיין מאַטעריעלע עקסיסטענץ.

דער אינסטיטוט וועט אויך האָבן פאַר זיך סימפּאַטיע פון דער געלערנטער וועלט. גרויסע ווייטצילנדיקע פּלענער געפינען אָפטמאָל מער פאַרשטאַנד און סימפּאַטיע פאַר זיך, איידער טאָג-טעגלעכע וואָכנדיקע נויטן. דאָס, וואָס ווייזט אונז אויס היינט אומגעהייער שווער, כמעט אוממעגלעך, קען זיך אַרויסשטעלן פאַר רעאַל און פּראַקטיש מאָרגן. ווער וואָלט דאָס פאַר **15—10** יאָרן געגלויבט אין אַזאַ זאַך, ווי די צענטראַלע יידישע שול-אָרגאַניזאַציע אין פוילן מיט איר לערך גרויסן ביודזשעט? ווער האָט דאָס נאָך פאַר **3—2** יאָרן ניט בביאות געזאָגט, אַז ווי נאָר ס'וועט זיך פעלן די אַמעריקאַנער ברייטע האַנט, וועט די שול-אָרגאַניזאַציע אויך אומפאַלן?

דער עיקר איז: מ'דאַרף אַמאָל אָנהייבן.

דער פּלאַן דאַרף אַקצעפּטירט און פּראָקלאַמירט ווערן פון אַן אויטאָריטעטער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ אָרגאַניזאַציע אויף דערווייל זאָל זיין:

דער ערשטער צונויפפאָר פון יידישע וויסנשאַפטלער.

דער צונויפפאָר וועט האָבן זיין עובדא און זיין ווערט פאַר זיך מיט זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס זאָלן זיין די ערשטע דעמאָנסטראַציע פון דער וויסנשאַפט אויף יידיש, אָבער דאָ זאָל אויך פּראָקלאַמירט ווערן די צוועקן און וועגן פון דעם יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט, און ס'זאָלן געפונען ווערן די מיטלען פּראַקטיש אים צו פאַרווירקלעכן.

ביי דער נייטיקער אָרגאַניזירטקייט קען דער צונויפפאָר פאָרקומען אין הארבסט 1925.

צוגאָבן צו נ. שטיפ׳ס שריפט.

די שריפט איז איילִיק געדרוקט געוואָרן כמעט אַזוי ווי זי איז אַרויס ביים אַוטאָר פון דער ערשטער פען. אין אַ שפּעטערדיקער רעדאַקציע האָט דער אַוטאָר אייניקע זאַכן געענדערט, דערהויפּט איז פאַרמערט געוואָרן דער ביבליאָגראַפישער טייל. ליידער האָט מחמת טעכנישע מניעות בלויז אַ קליינער טייל אויסבעסערונגען געקאָנט אַריין אין דער געדרוקטער שריפט. פון די דאָזיקע צוגאָבן און אויסבעסערונגען קאָן דאָ געגעבן ווערן בלויז דאָס וויכטיקסטע.

ס׳דאַרף זיין:

צו ז׳ 13, שורה 6.

אין „פורים-שפּיל אין פאַרשיידענע צייטן (די גלגולים פון דער אחשורוש-שפּיל)“ גיט י. צינבערג אַ ליטעראַטור-היסטאָרישן און שפּראַכלעכן אַנאַליז פון פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון דער פּאָפּולערער פאָלקסדראַמע, פּרוּווט רעסטאַווירן דעם אורטעקסט[1].

צו ז׳ 15, שורה 13.

אַנ—סקין האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען די ערשטע גרויסע פּראָגראַם צו זאַמלען דעם יידישן פאָלקלאָר[2].

צו ז׳ 19, שורה 25.

א. טשעריקאָווער ס אַ זאַמלונג מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דער „יידישער אַוטאָנאָמיע“ אין אוקראַאינע די יאָרן 1917—1918, דערהויפּט וועגן די אויפטועכן פון „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט“. דאָ זיינען אַגב, אויך געבראַכט די מאַטעריאַלן וועגן די ערשטע פּאָגראָמען אין אוקראַאינע נאָך דער רעוואָלוציע[3].

צו ז׳ 21, שורה 4. צום 25-יאָריקן יובל פון דעם „אַרבעטער-רינג“ איז אַרויס אַ גרויסע געשיכטע פון דער דאָזיקער מעכטיקער אָרגאַניזאַציע, געשריבן פון דעם סאָציאָלאָג און אַרבעטער-טוער ד״ר א. ש. זאַקס.

צו ז׳ 21, שורה 15.

זאָל דאָ בלויז אָנגעוויזן ווערן אויף ש. גינזבורגס (לענינגראַד) היסטאָרישע אַרבעטן אויפן סמך פון אַרכיוו-מאַטעריאַלן אין „צוקונפט“[4] ד״ר אָ. גינזבורג׳ס (ביו-יאָרק)[5], ד״ר י. שאַצקיס קריטישע אַרבעטן אין „צוקונפט“ אין אין אַנדערע אויסגאַבן.

צו ז׳ 22, שורה 1, באַמערקונג 1.

(פּעדאַגאָגישער ביולעטען), אַרויס נומ׳ 1—6, אויך דער זשורנאַל „אַף די וועגן צו דער נייער שול“, נומ׳ 1—7.

צו ז׳ 23, שורה 7.

ספּעציעל זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן י. יאַשונסקיס אַ גרינדלעכע ביבליאָגראַפישע אַרבעט „די יידישע פּרעסע זינט 1917“, פאַר די יאָרן 1917—1919[6].

צו ז׳ 23, שורה 11. בפרט זיינען דאָ בפירוש דורכגעלאָזט אַ ריי וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס זיינען אַרויס אין אַמעריקע און וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען. ס׳האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן אַלגעמיין-וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע—מיט די לעצטע איז אַמעריקע באַזונדערס רייך—, נאָר אויך וועגן וויסנשאַפטלעכע ווערק פון יידישן אינהאַלט. עס איז אַן אמתער סימן פון אונזער ניט-אָרגאַניזירטקייט, וואָס וועגן טיילמאָל גאָר ערנסטע אויפטועכן ווערן מיר אָפט געוואויר מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג אָדער פון דער צווייטער האַנט.

צו ז׳ 29, שורה 32.

(פאָלקלאָר) און פאָלקסקונסט.

צו ז׳ 30, שורה 12.

ז) קריטישע אויסגאַבעס פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

---

[1]) „צוקונפט“ יאַנואַר 1923. אַגב דערוויסן מיר זיך דאָ, אַז צינבערג האָט שוין לאַנג רעסטאַווירט דעם אַלטן טעקסט פון דעם אחשורוש-שפּיל, ער האָט אָבער פאַר זיין אַרבעט קיין פאַרלעגער נישט, אַזוי ווי פאַר זיין גרויס ווערק: — „געשיכטע פון דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור“.

[2]) אַרויס אין לענינגראַד (פּעטערבורג) בערך דאָס יאָר 1918 אין אַ געציילטער צאָל עקזעמפּלאַרן „מיט די רעכט פון אַ מאַנוסקריפּט“.

[3]) „די יידישע אַוטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אין אוקראַאינע“, קיעוו 1919, 400 ז׳, 8.

[4]) דערהויפּט אַזאַ אַרבעט אין אַ ווייניק אויסגעפאָרשטן געביט ווי „די קאַנטאָניסטן“, „צוקונפט“, אַפּריל און מאַי 1925.

[5]) זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן ד״ר א. גינזבורג׳ס ווערק: „דער תלמוד“, „יידישע דענקער און פּאָעטן אין מיטלאַלטער“, „די ענטשטעהונג פון קריסטענטום“.

[6]) „ביכער-וועלט נומ׳ 1—6, 1922.

ווילנער טעזיסן וועגן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

דעם 24 מערץ 1925 האָט אַ פּאַראײניקטע זיצונג פֿון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט און פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער בילדונגס־געזעלשאַפֿט צוזאַמען מיט פֿאַרבעטענע פּערזאָנען באַטראַכט נ. שטיפֿס מעמאָראַנדום. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פֿון מ. ווײַנרײַך, י. טשערניכאָוו, ג. פּלודערמאַכער, ה. קאָוואַרסקי, ז. רײזען—חוץ דעם האָבן זיך נאָך באַטײליקט אין אירע אַרבעטן אַ. גאָלאָמב, סאָפֿיע גורעוויטש ל. טורבאָוויטש—וועלכע האָבן (צומטײל אין באַזונדערע אונטער־קאָמיסיעס) גענוי באַהאַנדלט שטיפֿס פּראָיעקט און אויך די מײנונגען, וואָס זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף דער דערמאָנטער פּאַראײניקטער זיצונג. די קאָמיסיע איז געקומען צו אַ פֿולן הסכם, און לויט איר באַשלוס האָט מ. ווײַנרײַך פֿאָרמולירט די דאָ געבראַכטע טעזיסן, וואָס זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן אויף אַ צווייטער פּלענאַרער זיצונג דעם 15 אַפּריל 1925.

1) די באַראַטונג אָנערקענט, אַז די באַדערפֿעניש אין אַ צענטער פֿאַר יידישער וויסנשאַפֿט איז שוין צײַטיק געוואָרן און ער קען פֿאַרווירקלעכט ווערן בײַ דער הײַנטיקער מדרגה פֿון אונזער קולטורעלער אַנטוויקלונג, אויב עס וועלן געלײגט ווערן די געהעריקע אָנשטרענגונגען. דער באַטײַט פֿון אַזאַ אינסטיטוציע איז אַזוי גרויס, איר מעגלעכע ווירקונג אַזוי וויכטיק, אַז עס טאָר ניט געשפּאָרט ווערן קײן שום מי, כּדי דעם געדאַנק צו רעאַליזירן.

2) שטיפֿס פּראָיעקט נעמען מיר אָן אַלס באַזיס; מיר קענען אָבער ניט אײַנשטימען מיט אַלע זײַנע פּרטים, און מיר גיבן דעריבער איבער די דאָזיקע טעזיסן, אינאײנעם מיט שטיפֿס מעמאָראַנדום, צו די ברײטע קרײזן פֿון מבֿינים און פֿאַראינטערעסירטע אַלס מאַטעריאַל פֿאַר דער באַהאַנדלונג פֿון עניָן.

3) מיר ווילן אָנהײבן בײַם נאָמען „אַ ק אַ ד ע מ י ש ע ר אינסטיטוט“. אַן אַקאַדעמיע איז לויט דער אָנגענומענער טערמינאָלאָגיע אַן אינסטיטוציע, וואָס שטײט העכער פֿאַר די אוניווערסיטעטן, און זי זעט פֿאָרויס אַן אינסטאַנץ (מאָנאַרך, רעגירונג), וואָס באַ מ י נ י ר ט די אַקאַדעמיקער; אונזער אינסטיטוט וועט זײַן געבויט אויף אַ פֿרײַער פֿאַראײניקונג. חוץ דעם זעצט דער טערמין

„אַקאַדעמיע" פּאָרויס אַ געוויסע הייך פון די וויסנשאַפטלעכע אויפטועןְ; צי קענען מיר ערב זיין, אַז מיר וועלן באַלד ביים אָנהייב צו אַזאַ הייך דערלאַנגען? דעריבער איז בעסער צו זיין אַ ביסעלע באַשיידענער און צו געבן עווענטועל מער, איידער דער נאָמען זאָגט צו. די פּאַסיקע באַצייכענונג איז: „ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט".

4) מיר זיינען מסכים, אַז די הויפטאויפגאַבע איז: קאָנצענטרירן און שטיצן די זעלבשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע פאָרש=אַרבעט; לערן=אויפגאַבן טאָרן פאַרבונדן ווערן מיטן אינסטיטוט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס וועט ניט זיין קיין שטער פאַרן עיקר. מיר רעכענען אָבער, אַז ווען מען זאָל גיין אינגאַנצן מיט נ. שטיפס גאַנג, וועט דאָס ברענגען דערצו, אַז דער אינטערעס צו דער נייער אינסטיטוציע וועט ביים גרעסערן עולם זיין גאָר אַ קנאַפּער. אויב ס'וואָלט זיך אַפילו יאָ איינגעגעבן צו שאַפן דורך יחידים די נייטיקע מאַטעריעלע מיטלען, וואָלטן די קומענדיקע „שריפטן פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" באַגעגנט די זעלבע באַציאונג, ווי די „ייִדישע פילאָלאָגיע", די „בלעטער פאַר דעמאָגראַפיע און סטאַטיסטיק" וכדומה; די ברייטערע קרייזן, אַפילו פון צוויי'ן די קולטור=און בילדונגס=טוער, וואָלטן אַפילו ניט געוואוסט וועגן זייער עקסיסטענץ. מוז דעריבער געזוכט ווערן אַ וועג צונויפצוקניפן די אַרבעט פון יחידים=געלערנטע מיט די באַדערפעניש פון ייִדישן לעבן.

5) אויך קענען מיר זיך ביי אונזער הייִנטיקן מעמד גאָרניט פאַרגינען דעם לוקסוס, אַז מיר זאָלן נעמען אין אַכט בלויז די וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבן אונזערע און פאַרגעסן וועגן אַלע אַנדערע נויטן. אַ קאָנצענטרירונג פון ייִדישע וויסנשאַפטלער שאַפט אַ גרויסע קראַפט; מוזן מיר זי פאַרניצן צוליב די באַדערפעניש פון אונזער שול= און בילדונגס=וועזן. נאָר איין באַדינג דאַרף זיין: עס דאַרף אָפגעהיט ווערן דער פרימאַט פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איבער דער לערן=אַרבעט.

6) בכדי דאָס ייִדישע שול= און בילדונגס=וועזן זאָל זיין צונויפגעבונדן מיטן ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און זאָל קענען געניסן פון זיינע פרוכטן, דאַרף אָפגעגעבן ווערן מער אויפמערקזאַמקייט דער אַזוי גערופענער „אודיטאָריע", וואָס פיגורירט אויך אין שטיפס מעמאָראַנדום אַלס אַ מעגלעכקייט לעתיד=לבא. די „אודיטאָריע", ד"ה אַ געוויסער קרייז צוהערער, וואָס לערנען זיך, מוז זיין אַן אָרגאַנישער טייל פון אינסטיטוט, און אויף די געלערנטע, וואָס דער אינסטיטוט גיט זיי די מעגלעכקייט פון אומגעשטערטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, דאַרף אויך ליגן אַ פאַרפליכטונג צו זיין לערער פאַר ייִנגערע כוחות.

7) דער אינסטיטוט באַשטייט, הייסט עס, פון צוויי אָרגאַנישע טיילן; ער איז אַן אַנשטאַלט כון פאָרשן און פון לערנען.

8) בנוגע די ריין=וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבן פון אינסטיטוט נעמען מיר

אָן אין אַלגעמיין ב. שטיפס פאָרמולירונג; סיי=ווי לאָזן זיך ניט פאָרויסזען אַלע פּרטים. ניט מסכּים זיינען מיר בלויז מיט שטיפס צעטיילונג אויף גרופּעס. מיר האַלטן, אַז די סאָציאַל-עקאָנאָמישע סעקציע דאַרף פאַראייניקט ווערן מיט דער גרופּע פון יידישער געשיכטע, מחמת אַניט איז פאַראַן אַ סכּנה, אַז זי וועט זיך אַריינלאָזן צו שטאַרק אין אַקטועלע געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע פראַגן און וועט אָנווערן איר וויסנשאַפטלעכן פּרצוף. אויף אַזאַ אופן וואָלטן מיר באַקומען דריי סעקציעס: א) שפּראַכיק-ליטעראַטור וויסנשאַפטלעכע; ב) היסטאָריש-געזעלשאַפטלעכע; ג) פּעדאַגאָגישע.

9) יעטווידער סעקציע האָט צוויי אָפּטיילונגען: פאָרש-וויסנשאַפטן און לערן-וויסנשאַפטן. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע באַלאַנגען אַזוינע, וואָס זייער באַאַרבעטונג גייט אַריין אין די אוממיטלבאַרע אויפגאַבן פון אינסטיטוט, וואו אונזערע וויסנשאַפטלער קענען ממשותדיק מחדש זיין; די לערן-וויסנשאַפטן זיינען נייטיק, כּדי אַריינצופירן די צוהערער פון אינסטיטוט אין די מעטאָדן און פּראָבלעמען פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, און בנוגע זיי איז ניטאָ, בדרך כּלל, די אַמביציע פון אייגענע וויסנשאַפטלעכע אויפטוען.

11) היות דער אינסטיטוט ווערט אויפגעשטעלט דאַרף אויפגעשטעלט ווערן — לפּחות צום אָנהייב — אין אַ גרויסן מערב-אייראָפּעאישן צענטער, קענען און מוזן פאַר די לערן-וויסנשאַפטן צוגעצויגן ווערן די דאָרטיקע געלערנטע. איידער די מיטגלידער פון אינסטיטוט זאָלן זיך אַוועקשטעלן אַ שטייגער לייענען לעקציעס וועגן לאָגיק, וועגן אַלגעמיינער שפּראַכוויסנשאַפט וכדומה, איז אַ סך גלייכער, אַז אונזערע צוהערער זאָלן דאָס הערן פון דאָרטיקע פּראָפעסאָרן (אָדער אויף די אַלגעמיינע לעקציעס אין אוניווערסיטעט, וואָס אויף זייער באַזוך קען מען גרינג קריגן אַן ערלויבעניש, אָדער אין ספּעציעלע קורסן, וואָס וועלן איינגעאָרדנט ווערן לויט אונזער איניציאַטיוו).

12) די איינציקע סעקציעס זעען אויס בערך אַזוי:

די שפּראַכיק-ליטעראַטורוויסנשאַפטלעכע סעקציע האָט צוויי אָפּטיילונגען: פאַר שפּראַך און פאַר ליטעראַטור.

א) די שפּראַכיקע אָפּטיילונג שטעלט זיך צוויי אויפגאַבן: a) ערשטנס שטודירט זי די לעבעדיקע יידישע שפּראַך (דיאַלעקטן); זי קאָנצענטרירט די זאַמלונג פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, שיקט פונאַנדער אינסטרוקציעס צו לערער און אַנדערע זאַמלער וכו'; b) צווייטנס פאָרשט זי די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט. c) די דאָזיקע אָפּטיילונג וועט אויך האָבן אַ גרויסן באַטייט אַלס נאָרמאַטיווע אינסטיטוציע. דער פּלענום פון אָט דער אָפּטיילונג וועט זיין יענער אויטאָריטעט, וואָס וועט פּסקענען אין ספקדיקע פאַלן וועגן אָרטאָגראַפיע און גראַמאַטיק פון דער ליטעראַרישער שפּראַך, וועט קאָנטראָלירן און אַליין אויסאַרבעטן טערמינאָלאָגיעס, ענטפערן אויף אָנפראַגעס. d) אין דער אָפּטיילונג וועט אויך קאָנצענטרירט ווערן די אַרבעט פאַר אַ יידישן ווערטערבוך.

ב) די ליטעראַטורוויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג גאָפּלט זיך אויף אין צוויי ריכטונגען: a) פאַרגאַנגענהייט (ביבליאָגראַפיע, אַלט־יידישע טעקסטביבליאָטעק, צענטראַלע ביבליאָטעק פאַר יידיש־פאָרשונג; b) גענגוואַרט (פאָרשן דעם סטיל און די טעמעס פון נייערע יידישע שרייבער, די אײַנפלוסן אויף זיי, צענטראַלע ביאָ־ און ביבליאָגראַפישע אַרבעט).

12) געגנשטאַנדן פון דער שפּראַכיק־ליטעראַטורוויסנשאַפטלעכער סעקציע: א) פאָרשגעביטן: יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע; יידישע היסטאָרישע גראַמאַטיק; יידישע ליטעראַטורגעשיכטע; יידישע סטיליסטיק און מעטריק; יידישע פּאַלעאָגראַפיע. ב) לערנגעביטן: אַלגעמיינע שפּראַכוויסנשאַפט; אַלגעמיינע ליטעראַטורגעשיכטע און טעאָריע פון ליטעראַטור; מיטלהויכדייטש און דייטשע דיאַלעקטן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אויך די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור וועלן אין דער סעקציע פאַרנעמען דעם געהעריקן אָרט.

13) די אַרבעט פון דער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער סעקציע ווערט אָנגעצייכנט דורכן היינטיקן שטאַנד פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין דער צייט וואָס די אָנהייבן פון דער יידישער געשיכטע, בפרט די ביבלישע תקופה, זיינען אין אַ גרויסער מאָס וויסנשאַפטלעך באַאַרבעט געוואָרן דורך יידן און ניט־יידן, זיינען די ווייטערדיקע עפּאָכעס נאָך זייער ווייניק אויסגעפאָרשט. וואָס ס׳איז שייך ספּעציעל צו מזרח־אייראָפּע, קען ניט באַפרידיקן ניט די באַאַרבעטונג, ניט דער צוגאַנג פונעם רוב ביז־איצטיקע פאָרשער. די סיבה איז דאָס, וואָס די יידישע געשיכטע־וויסנשאַפט איז אין דער גרעסטער מאָס געשאַפן געוואָרן דורך מערב־אייראָפּעאישע געלערנטע, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדער קוק אויפן לעבנסגאַנג פון יידישן פאָלק און האָבן דעריבער געזען אין אַ פאַלשער פּערספּעקטיוו די פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע. די אַרבעט פון אונזער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט וועט דאַרפן זיין אַ צווייאיקע: א) אויספאָרשן די מאַטעריאַלן פון דן אַלגעמיין־מלוכישע און יידישע אַרכיוון, פון די שאלות־ותשובות, מעמואַריאַז״וו; ב) אויפן סמך פון דעם אויסגעפונענעם קאָנקרעטן מאַטעריאַל פעסטשטעלן די מעטאָדן, וואָס זאָלן העלפן אויפדעקן די געזעצן פון דער יידישער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין מערב־אייראָפּע.

14) געגנשטאַנדן פון דער היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכער סעקציע: א) פאָרשגעביטן: יידישע געשיכטע אין מיטל־ און איבערהויפּט אין מזרח־אייראָפּע (דערין אויך די געשיכטע פון אונזערע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע טעריטאָריעס; יידישע דעמאָגראַפיע און סטאַטיסטיק; יידישע עקאָנאָמיק. ב) לערנגעביטן: מעטאָדאָלאָגיע פון געשיכטע; יידישע געשיכטע אין אַלטערטום און מיטלעלטער; אַלגעמיינע געשיכטע; דעמאָגראַפיע; סטאַטיסטיק; פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

15) פּעדאַגאָגישע סעקציע. צען יאָר יידישע שול האָבן אַוועקגעשטעלט צו באַאַרבעטן היבש פּראָבלעמען; בנוגע עטלעכע געביטן, א שטייגער שול-מעדיצין, איז שוין געמאַכט געוואָרן אן אָנהייב, אָבער אָן אַ שיעור מער איז נאָך געבליבן צו טאָן, און דער אינסטיטוט איז דער פּאַסיקסטער אָרט פּאַר דער דאָזיקער פּאָרשונג. ווייטער איז די סעקציע וויכטיק דערמיט, וואָס די לערער-צוהערער וועלן אַרויסטראָגן די דאָ דערוואָרבענע קענטעניש צווישן ברייטערע לערערשע קרייזן, און ממילא וועלן, למשל, די מאָדערנע מעטאָדן פון פּסיכאָלאָגישער פּאָרשונג זיך פּאַרשפּרייטן איבער אונזערע לערנאַנשטאַלטן; דאָס איז אַ סך חשובער, איידער אַן עקספּערימענטאַל-פּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע, וואָס קאָן אַרומנעמען בלויז אַ קליינע צאָל אָביעקטן און שטייט אין אַ זייט פון דער לעבעדיקער שולאַרבעט. דריטנס, און דאָס איז דער עיקר: די שול איז דער נאַטירלעכער בינדגליד צווישן ריינער וויסנשאַפט און ברייטן עולם; וואָס עס וועט אין אינסטיטוט דערגאַנגען ווערן אויפן פעלד פון וויסנשאַפט, וועט דורך די לערער-צוהערער אין אַ לפי-ערך קורצער צייט אַריינדרינגען אין יענע קרייזן, וואָס פון זייערטוועגן ווערט דער אינסטיטוט באַשאַפן.

16) געגנשטאַנדן פון דער פּעדאַגאָגישער סעקציע: א) פ אָ ר ש ג ע ב י ט ן: פיזישע אַנטוויקלונג און שפּראַך-אַנטוויקלונג פון יידישן קינד; געשיכטע פון דער דערציאונג ביי יידן; יידיש שולוועזן ביי היינטיקן טאָג (די סעקציע קאָנצענטרירט ביי זיך די אינפאָרמיר-אַרבעט וועגן יידישן שולוועזן, גיט אַרויס אַ ביולעטען). ב) ל ע ר נ ג ע ב י ט ן: פיזישע אַנטוויקלונג פון קינד; אַלגעמיינע און קינדער-פּסיכאָלאָגיע; געשיכטע פון פּעדאַגאָגישע סיסטעמען; לאָגיק און דערקענטעניש-טעאָריע.

17) יעדער צוהערער וועט אין משך פון זיין זיין אין אינסטיטוט מוזן אָפּטאָן אונטער דער השגחה פון אַן אינסטיטוט-מיטגליד אַ געוויסע זעלבשטענדיקע אַרבעט („דיסערטאַציע"); דאָס וועט ווידעראַמאָל צונויפבינדן די לערן-אויפגאַבן פון אינסטיטוט מיט זיין וויסנשאַפטלעכן גרונדציל.

18) די צאָל צוהערער מוז תחילת זיין באַגרענעצט, כדי די לערן-אַרבעט זאָל ניט אַבסאָרבירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע פון די אינסטיטוט-מיטגלידער. מסתמא וועלן צום אָנהייב קענען צוגענומען ווערן העכסטנס עטלעכע צענדליק מאַן. אין דער ערשטער ריי דאַרפן צוגענומען ווערן פערזאָנען, וואָס האָבן שוין אַ געוויסן סטאַזש אַלס אַקטיווע לערער, שריפטשטעלער, זאַמלער פון שפּראַכמאַטעריאַלן אאַז"וו לויט דער רעקאָמענדאַציע פון שול-און קולטור-אָרגאַניזאַציעס, צומטייל אַלס זייערע ס ט י פּ ע נ ד י אַ ט ן.

19) מיר זיינען מסכים מיטן געדאַנק, אַז דער ערשטער טריט צום אינסטיטוט איז אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער, און מיר אַקצעפּטירן דעם טערמין פון סעפּטעמבער 1925.

רעזאָלוציע פון צווייטן יידישן שולצוזאַמענפאָר פון דער פוילישער רעפובליק.

אויף זיין זיצונג פון 21 אַפּריל 1925 האָט דער צוזאַמענפאָר לויטן פאָרשלאָג פון צ. שאַבאַדן אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון 15 פּערזאָן (ד״ר ב. אײַזענשטאַט, ד״ר מ. ווײַנרײַך, זרובבל, אַ. ליטוואַק, י. ליכטענשטיין, ד״ר מאַלער, ב. מיכאַלעוויטש, ד״ר י. קרוק, אינזש׳ א. קרעמער, אַ. ראָזענטאַל, י. רובין, אינזש׳ רייז, ז. רייזען, ע. רינגעלבלום, ד״ר צ. שאַבאַד; ס׳האָט זיך אויך באַטייליקט דער גאַסט פון לעטלאַנד ה׳ ראָדאַק) פאַר אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. אין נאָמען פון דער קאָמיסיע האָט מ. ווײַנרײַך דעם 22 אַפּריל רעפערירט וועגן דעם ענין אין פּלענום, און ס׳איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן די דאָזיקע רעזאָלוציע:

1) דער צוזאַמענפאָר באַגריסט די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ צענטראַלן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און גיט אויף דער הויפּטפאַרוואַלטונג צו שטיצן מיט אַלע קרעפטן די אַרבעט פאַר דעם אינסטיטוט.

2) צו פירן די גאַנצע צוגרייט-אַרבעט ווערט באַפולמעכטיקט די ווילנער קאָמיסיע פון צב״ק און ווילבי״ג צוזאַמען מיט נאָך פּערזאָנען, וועלכע וועלן דעלעגירט ווערן דורך דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון יש״אָ.

3) דער צוזאַמענפאָר איז מסכים, אַז דער ערשטער טריט צו פאַרווירקלעכן דעם אינסטיטוט דאַרף זיין אַ צונויפפאָר פון יידישע וויסנשאַפטלער, און ער גיט אויף דער הויפּטפאַרוואַלטונג מיטצוהעלפן, אַז דער צונויפפאָר זאָל פאָרקומען נאָך הייַנטיקס יאָר.

4) דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז בכדי דער צונויפפאָר פון יידישע וויסנשאַפטלער זאָל געבן די געהעריקע רעזולטאַטן, וואָלט געווען געוואונטשן צונויפצורופן אין די נאָענטסטע חדשים אַ פאָרקאָנפערענץ.

*

פון אַ בריוו פון בילדונגס-דעפּאַרטאַמענט פון אַרבעטער-רינג, ניו-יאָרק, פון סעפּטעמבער 19, 1925:

„...דער נאַציאָנאַלער בילדונגס-קאָמיטעט פון אַ״ר האָט אויף זיין לעצטער זיצונג באַשלאָסן צו באַקאַנט מאַכן די עפנטלעכע מיינונג פון אַ״ר מיט דער אַרבעט פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, שרייבן וועגן דעם אין „פריינד“ און ווענדן זיך מיט אַן אויפרוף צו אַלע בראַנטשעס פון אַ״ר וועגן קומען דער אַרבעט צו הילף....“

(—) י. ב. ביילין, דירעקטאָר.

דעם 17 אָקטאָבער 1925 האָט זיך אין ניו-יאָרק געגרינדעט אַן אַמעריקאַנער „סעקציע“ (לאַנד-קאָמיטעט) פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

יידישער וויסנשאַפטלאַכער אינסטיטוט

ס'איז געקומען די צייט צו אָרגאַניזירן די יידישע וויסנשאפט, וואָס וויל דינען די יידישע פאָלקסמאַסן, צו שאַפן א היים פאר דעם יידישן וויסן.

דאָס איז דער צוועק פון דעם געפּלאַנטן יידישן וויסנשאַפטלאַכן אינסטיטוט.

דער פּלאַן פון דעם אינסטיטוט האָט שוין דעם הסכם פון וויכטיקע יידישע קולטור-אָרגאַניזאציעס (די יידישע שול-אַרגאַניזאציע אין פּוילן; דער צענטראלער בילדונגס-קאָמיטעט אין ווילנע; די יידישע שול-אָרגאַניזאַציע אין לעטלאַנד; קולטור-אָרגאַניזאַציעס אין ליטע, רומעניע, א. אז. וו.) אויך פון וויסנשאפטלער.

וועגן די טעאָרעטישע און פּראַקטישע יסודות פון דעם אינס-טיטוט וועט האָבן צו זאָגן דער איינציקער אַוטאָריטעט, וואָס איז ביי אונז מעגלאַך: — דער צונויפפאָר פון יידישע וויסנשאפטלער מיט פארטרעטער פון צענטראַלע קולטור-אָרגאַניזאַציעס פון אלע לענדער — וואָס דאַרף פאָר-קומען אין פרילינג, 1926.

אָבער שוין ביז יענער צייט, באַלד, מוז און קאָן עפּעס געטאָן ווערן, כדי אַרויפצוהויבן די יידישע וויסנשאפטלאַכע ארבעט פון איר איצטיקער אומגעהייער געדריקטע לאַגע, צו שטיצן דאָס, וואָס ווערט שוין איצט געטאָן אויף דער אחריות פון יחידים, צו אָרגאַניזירן דאָס, וואָס לאָזט זיך ווייטער אויפטאָן ביי אונזערע היינטיקע מעגלאַכקייטן. דאָס איז וויכטיק פאַר זיך; דאָס איז אויך די בעסטע צוגרייטונג-ארבעט פאַרן קומענדיקן אינסטיטוט.

די פאָרבאַרייטונג וועגן אינסטיטוט מיט פאַרטרעטער פון פאַרשי-דענע לענדער (פּוילן, דייטשלאנד, פראַנקרייך, ליטע), וואָס איז פאָרגעקומען דעם 7-12 אויגוסט אין בערלין, האָט אויסגעארבעט אַ גענויעם פּלאַן פון אַזאַ וויסנשאַפטלאַכער אַרבעט ביזן צונויפפאָר.

1. ס'ווערן געגרינדעט פיר וויסנשאַפטלאַכע סעקציעס: פאר יידי-שער פילאָלאָגיע (צענטער אין ווילנע), פעדאַגאָגיק (צענטער אין וואַרשע), פאַר יידישער געשיכטע (בערלין), פאַר סאָציאַל-עקאָנאָמישע וויסנשאפטן

(בערלין). דער צוועק פון די סעקציעס איז: ארייניעהן אונזערע וויסנ־שאפטלער אין א קאָלעקטיווער אַרבעט, צוגרייטן מאַטעריאל פאַר וויסנ־שאַפטלאַכער אַרבעט בכלל.

ביי דער פילאָלאָגישער סעקציע ווערט געשאַפן: א צענטראַלע פאַר אידישער ביבליאָגראַפיע, א צענטראַלע פאַר זאַמלען יידישן פאָלקלאָר, א קאָמיסיע פאַר פאַראיינהייטלאַכן דעם אידישן אויסלייג. ביי דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע ווערט געשאַפן א סטאַטיסטישער קאַבינעט, אין דער סעקציע ווערן אויסגעאַרבעט פראָגראַמעס פאַר עקאָנאָמישע אויספאָרשונ־גען. ביי דער היסטאָרישער סעקציע ווערט געגרינדעט אן אַרכיוו.

2. פון אָנהויב 1926 זאָלן ארויסגיין: „שריפטן פון דעם יידישן וויסנשאפטלאַכן אינסטיטוט“ פאַר אַלע פיר סעקציעס בערך לויט דעם טיפּ פון דער „יידישער פילאָלאָגיע“ און די „בלעטער פאַר אידישער סטאַטיס־טיק, דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק. פאַרן ערשטן יאָר זאָלן אַרויסגיין בערך 100 דרוקבויגן.

3. נישט שפּעטער פון אָנהויב 1926 זאָל אָנהויבן אַרויסגיין א צוויי־הודש׳דיקער „אינפאָרמיר־בלאַט“ פאַר דער יידישער וויסנשאַפטלאַכער אַר־בעט און פאַר דער יידישער קולטור־באַוועגונג בכלל.

דאָס איז בקיצור די פראָגראַם פאַר דער נאָענטסטער צייט.

מיר גיבן זיך אָפּ א קלאָרן חשבון, ווי שווער דאָס איז דורכצופירן ביי אונזער אָרעמקייט. מיר וויסן אָבער, אַז דאָס איז נויטיק, דאַריבער מוז דאָס אויך מעגלאַך ווערן. מיר לייגן אונזער האָפנונג אויף אלע פריינט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, מיר ווענדן זיך מיט אונזער רוף צו יידישע פאָלקס־מענטשן, צו וויסנשאַפטלער, שרייבער, קולטור־טוער, צו יעדן וואָס וויל זיך באַהעפטן צו דער גרויסער קולטור־זאַך: העלפט!

זאָלן וויסנשאַפטלער מיט אונז מיטאַרבעטן, זאָלן שרייבער אויפקלערן אונזערע צילן און דעם באַטייט פון אונזער זאַך, זאָלן אַנדערע שטיצן מיט זייער מאַטעריעלער הילף.

העלפט צו בויען און פאַרפעסטיקן די יידישע וויסנשאַפט!

דער אָרגאַניזיר - קאָמיטעט פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלאַכן אינסטיטוט.

דר. מ. וויינרייך, א. טשעריקאָווער, ז. רייזען, נ. שטיף

די אונטערגעשריבענע האָבן באַגריסט די גרינדונג פון דעם יידישן וויסנשאפטליכן אינסטיטוט:

מ. גראָס (ווין), פּראָפ. ש. דובנאָוו (בערלין), פּראָפ. דר. ל. הערש (גענף), דר. ב. וואכשטיין (ווין), דר. מ. ווייכערט (וואַרשע), פּראָפ. דר. ג. ווייל (בערלין), פּראָפ. דר. י. וויינבערג (וואַרשע), דר. מ. ווישניצער (בערלין), דר. מ. זילבערפארב (וואַרשע), י. יאשונסקי (ווילנע), דר. א. לאנדוי (ווין), י. לעשצינסקי (בערלין), א. מארעווסקי (וואַרשע), י. מארק (ווילקאָמיר), פּראָפ. ר. סימכאָוויטש (בערלין), פרוי דר. א. עליאַשעוו (קאָוונע), ג. פלודערמאכער (ווילנע), נ. פּרילוצקי (וואַרשע), פּראָפ. דר. ל. קעניג (ווין), ל. קעניג (לאָנדאָן), ח. קאזשדאן (וואַרשע), דר. ר. שאבאד (ווילנע).

אין אמעריקא האָבן דעם אויפרוף געצייכנט:

י. ב. ביילין, דר. י. בלאך, ב. צ. גאָלדבערג, דר. ב. האָפמאן (צביון), דר. א. ש. זאַקס, דר. ח. זשיטלאָווסקי, דר. א. יארמאלינסקי, דר יודא יאפע, י. ל. כהן, ל. לעהרער, דר. ש. מארגאָשעס, יעקב מילך, דר. י. א. מעריסאָן, ש. ניגער, דר. ח. ספּיוואַק (דענווער), דר. א. ראבאק (הארווארד), י. ריוואָקינד, דר. י. שאַצקי, חיים שוים.

וועגן אַלע ענינים פון דעם אינסטיטוט בעט זיך ווענדן שריפטלאַך לויט פאָלגענדעם אַדרעס:

Dr. J. SHATZKY, 982 E. 178th Street, New York

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 217